דניאלס טאָגבוך (און בריוו) וועגן דעם פּעריאָד פון דער א״ג קאָמישער מלחמה ברענגען אַרויס דעם דאַמאָלטסטיקן אויסערלעכן מצב אויפן פראַנצויזישן פראָנט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פון סעפּטעמבער 1939 ביזן 10טן מאַי 1940. כאָטש ער, דאַניעל שרייבט, אַז „קיין מאָל דערציילט מען נישט אַלץ וועגן זיך... תמיד בלייבט עפּעס וואָס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך נישט דערציילן״ (ז' 102) דערציילט ער גענוג וועגן זיך און אַרום אים, וואָס גיט אַ בילד וועגן דער ספּעציפישער „נישט־שלום און נישט־מלחמה־צושטאַנד״ פון דער מאָביליזירטער פראַנצויזישער אַרמיי, וואָס געפינט זיך נישט אויפן פראָנט און ווערט דעריבער שוין באַצייכנט (אין פראַנצויזיש) „דראָל דע גער״ (אַ שפּאַסיק אויסטערלישע מלחמה).

אָבער היטלער האָט אין זיין באַשטימטער שעה די מלחמה געבראַכט קיין פראַנקרייך און עס האָט זיך פאַר די פראַנצויזישע יידן אָנגעהויבן די טראַגישע תקופה, אָנגעלאָדן מיט די שוידערלעכסטע געשעענישן (אויף אַ געוויסער שטעלע מעדיטירט דער מחבר וועגן דעם אונטערשייד, וואָס עס איז דאָ אין דעם טערמין געשעענישן אין פרידלעכע צייטן און בעתן קריג).

די גרוילעכע איבערלעבונגען מיט דער בהלה אין פּאַריז, דאָס בילד פון אַנטלויפן פון דער שטאָט און וואָס עס טוט זיך אָפּ דאַן אויף די וועגן, איז דורך די יחידישע שילדערונגען געוואָרפן געוואָרן אַ שיין־וואַרפער אויף די צענדליקער און הונדערטער טויזנטער מענטשן אין יענע בהלה טעג.

אין דניאלס בריוו וועגן דונקערקער ים־ברעג, גיט דער מחבר אַ פּלאַסטישע שילדערונג פון דער מפּלה אויפן פראָנט און פון דער ענגלישער רעטונגס־אַקציע. אין קורצע ווערטער איז דאָ די כראָניק פון די געשעענישן באַגלייט — ווי דער מחבר איז זיך נוהג אין באַשרייבן פיל אַנדערע פלעצער — מיט געשיכטלעכע מאָמענטן און דאַטעס.

יצחק קאַהאַן

# „צוויי משפּחות"

י. פינער „צוויי משפּחות", ערשטער באַנד, 1971; צווייטער — 1976, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָביב, תשל"ו

דער פּראָזאַיקער י. פינער האָט אונטער דעם נאָמען, במשך פון די לעצטע יאָרן, פאַרעפנטלעכט צוויי בענד אין וועלכע ער האָט געשטאַלטיקט אַ שטיק יידיש לעבן (און אומקום) אין פראַנקרייך.

אין ערשטן באַנד וואָס איז דערשינען אין 1971, האָט י. פינער זיך פאַרמאָסטן צו געבן אַ בילד (דורך די צוויי משפּחות — שטיין און גראָסמאַן) — פון דער יידישער אימיגראַציע קיין פּאַריז צווישןביידע וועלט־מלחמות.

אויף אַ ברייטן לייוונט צייכנט דער מחבר עטלעכע דורות יידן אין פּאַריז, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט פון מזרח־אייראָפּע קיין פראַנקרייך און די אַלע חבלי לידה, וואָס זיי מאַכן דורך אויף דער נייער ערד, ווו עס באַווייזן ערשט צו קענען שלאָגן טיפע וואָרצלען אינעם באָדן נאָר דער יונגער אויסשפּראָץ און נאָכוווקס פונעם אימיגראַנטישן דור.

דער מחבר פאָלגט נאָך בהדרגהדיק זיינע פּערסאָנאַזשן, וואָס געהערן שטייגעריש, קולטורעל און אין שטאַנד — צו באַזונדערע וועלטן. זיי באַגעגענען זיך אויפן באָדן פונעם נייעם לאַנד מיט זייערע איבערלעבענישן, עליות און ירידות, וועלכע דער מחבר באַמיט זיך צו געבן אַן אינדיווידועלן קאָלאָריט.

מיט אַ כיוון, מסתמא, האָט דער מחבר אויסגעטיילט דעם יחוס־שטאַנד וואָס שטייט בראש פון דער משפּחה שטיין מיט אַלע אירע אָפּצווייגונגען. פון אַ ר' פּנחס פון איין זייט און יאָסל מיט יוכבד בראש פון דער משפּחה גראָסמאַן, וואָס איז זייער ווייט פון אַ יחוס־שטאַנד — פון דער צווייטער. ערשט אין פּאַריז ווערן די גורלס פון די צוויי משפּחות צונויפגעפלאָכטן אין די פּרטימדיקע שילדערונגען, וועלכע דער מחבר האָט באַוויזן צו פאַרוועבן אין דער קאַנווע פון די משפּחה־אַלבומען.

דער כאַראַקטער פון אַ מענטש מאַכט דורך זיינע פּאַר־מאַציע־יאָרן פון דער פּריסטער קינדהייט ביז זיין דער־וואַקסנקייט. און פּונקט ווי ביי אַ בנין זעט מען ערשט זיין שטאַרקייט און שוואַכקייט, ווען מען נעמט צו די רושטאָוואַניעס וואָס האָבן אים אונטערגעהאַלטן, אַזוי אויך ביים מענטש. דעריבער, ווען אַ מחבר ווייזט זיינע געשטאַלטן אין אַן עלטער, ווען זיי האָבן שוין הינטער זיך די פאָרמאַטיווע יאָרן, האָט ער אַ שווערערע אויפגאַבע צו קענען געשטאַלטיקן שלמותדיק זייערע כאַראַקטערן, ווי ביי קינדער און יוגנט.

י. פינער איז גוט באַקאַנט מיט ר' פּנחסעס וועלט און איר שטייגער. ער ווייסט ווו עס געפינט זיך אַ פּסוק און אַ דבר־תורה, וועלכן ער שטעלט אריין אין פּאַסיקע ערטער און ביי שילדערן די התנהגותן פון זיין געשטאַלט טוט ער אַ פלעכט אריין אפילו וועגן דער מחלוקה צווישן די קאָצקער און איזשביצער חסידים, טאַקע אַ מעשה אין אַ מעשה, וואָס דאַרף כאַראַקטעריזירן דעם העלד, אָבער פאַקטיש קענטיקט זיך מער אין דעם דער דערציילערי־שער נוסח פון מחבר.

י. פינער האָט זיך פאַרמאָסטן צו געבן (אין דעם ערשטן באַנד) אַ רייכע און ברייט צעצווייגטע גאַלעריע פּאַרשוינען פון דעם אימיגראַנטישן שטראָם, וואָס איז פאַרטראָגן גע־וואָרן קיין פראַנקרייך, נאַטירלעך יידן, וואָס זענען גע־ווינלעך געווען אים אייגן און נאָענט, ס'רוב פון אַ באַ־שטימטער סביבה, ארום דער „קולטור־ליגע", „פריינד פון בירא־בידזשאַן", „פריינד פון ראַטן־פאַרבאַנד", „פאָלקס־אוניווערסיטעט". אַ שאָד וואָס עס פעלן געשטאַלטן פון אַנדערע סביבות, וועלטלעכע, יידיש־סאָציאַליסטישע און פאַרוואָס אויך נישט רעליגיעזע יידן פון ר' פּנחסעס וועלט? דאָס באַמערק איך נאָר אגב אורחא.

וואָס עס פעלט מיר אין דעם בוך, מער עיקרדיקס, איז די פּאַרשוינען זאָלן רעדן מיט זייער אייגן לשון און נישט מיטן מחברס. די אויסנאַמען זענען פאַרשטייט זיך ר' פּנחס, האַנס בוימאַן, יוכבד, יאָסל און אייניקע אַנדערע. אָבער ס'רוב פון די פּערסאָנאַזשן פעלט די שפּראַך־ניואַנסן, וואָס גיבן אריין אַזאַ עכטקייט אין די כאַראַקטעריזאַציעס, וועלכע דער מחבר האָט געזוכט ארומצונעמען מיט אַ שיין פון אַ באַגלויבטער רעאַליטעט.

צו די מעלות פון בוך געהערט דער פיינער, קלאָרער סטיל, וואָס אָטעמט אין געוויסע שטעלן מיט אַ דיסקרעטן לייכטן הומאָר און דינער איראָניע אין די זוכענישן אויפ־צופלאָנטערן די פאַרוויקלטע קנוילן פון אייניקע לעבנס־סיטואַציעס ביי אַ ריי טיפּן (לדוגמא ביי דער „קלאַסן־באַ־וווסטזיניקער" בת־שבע).

צו די מעלות געהער אויך די געלונגענע פּאַרפלעכ־טונג פון די אויסערלעכע געשעענישן, וואָס זענען פאַר־צייכנט כראָנאָלאָגיש, מיט די לעבנס־פּאַסירונגען און מיט דער אינערלעכער וועלט פון די פּערסאָנאַזשן. די וויכ־טיקסטע געשעענישן זענען דאַן געווען דער אַטענטאַט פון שוואַרצבאַרדן אויף פּעטליורען; שפּעטער — פון הערשל גרינשפּאַן אויף דעם דייטשן דיפּלאָמאַט (אין פּאַריז) און פאַרשטענדלעך דער בירגער־קריג אין שפּאַניע. דער אַנ־טייל און די אויסווירקונג אויף דער יידישער ראַדיקאַלער יוגנט איז געשילדערט דורכן מחבר אין עכטע לעבעדיקע פאַרבן סיי אין די כאַראַקטעריזאַציעס ווי אין דער אַט־מאָספער ביי דער יידישער לינקער יוגנט אין פּאַריז.

אינפאָרמאַטיוו זענען געשילדערט און געמאָלן די קוואַרטאַלן אין פּאַריז, ווו יידן האָבן געלעבט: בעלוויל, דאָס „פּלעצל". מאָנמאַנטער, מאָנפּאַרנאַס און די „אינער־לעכע" יידישע אימיגראַציע פון איין קוואַרטאַל צו אַ צווייטן, אַ דערשיינונג, וואָס קומט כסדר פאָר אין דער נייער וועלט, ווו יידן לעבן היינט, צי דאָס איז ניו־יאָרק אָדער מעלבורן. אָט דער פּראָצעס גייט אומעטום פּאַראַלעל מיט דעם עקאָנאָמישן מצב פון איין זייט (פּראָספּעריטי) און מיט דער שטופּע פון אריינוואַקסן און נאַטוראַליזירן זיך פּסי־כיש, בעיקר פון די יונגערע יידישע דורות אין דער נייער רעאַליטעט.

דאָך האָט זיך געלאָזט מערקן אַ געוויסער איינפלוס פון דעם, וואָס גריווין האָט געלייענט וועגן דער סטודענט־שאַפט, וועלכע ער האָט ליב געהאַט צו באַצייכענען: יונגע אינטעלעקטואַלן.

פּאַרדראָסן האָט אים, וואָס די יונגע חברה האָט אַזאַ מין טעאָריע, אַז מענטשן ווערן אַלט און אידייען ווערן אַלט. דעריבער קאָנען אַלטע לייט ניט האָבן קיין נייע אידייען, ווייל די אידייען פון אַלטע לייט זענען פּונקט אַזוי אַלט און אָפּגעלעבט, ווי זיי אַליין זענען. און נאָך עפּעס: וואָס הייסט עס: געטרוי ניט קיין מענטש וואָס איז שוין איבער די דרייסיק?

גריווינס מוח, וואָס האָט געאַרבעט ווי אַ קאָמפּיוטער, לויט די פּראָגראַמירטע באַגריפן פון זיין יוגנט, האָט צוריקגעוואָרפן די נייע באַהויפּטונג. איבערצושטעלן אים האָט אָבער גריווין ניט געקאָנט. האָט ער זיך דעריבער געוועהרט קעגן דעם אַנאַליז מיטן אימפּעט פון אַלע זיינע דיספּוטאַנטישע פעאיקייטן.

זיין עלטער איז ניט געווען צו פאַרלייקענען, כאָטש ער האָט זיך צו איר קיינמאָל נישט מודה געווען. אָבער אידייען? ער איז שוין גרייט אַרויסציען זיין „בלופּרינט״ און באַווייזן די צוציקעס, אַז כאָטש זיי האָבן געדיכטע, לאַנגע בערד, און כאָטש זיי לעבן אין די ווילבאַוועסטע זעכציקער יאָרן — אַז נאָך העט, העט אין די צוואַנציקער יאָרן, וואָס ביי זיי קומען די יאָרן אויס ווי זיי וואָלטן געווען טיפער מיטלאַלטער — אַז שוין דאַן האָט מען וועגן דעם פּלאַנירט און זיי האָבן קיין אַמעריקעס נישט אַנטדעקט. נאָר וואָס־זשע דען? אין יענער צייט איז מען דערגאַנגען צו דער אידיי, ווי קאָלומבוס צו אַמעריקע — מיט זעגל־שיפן. היינט פּרובירן זיי צו איר צוקומען מיטן קירצערן וועג — ווי מיט אַ ראַקעטע צו דער לבנה.

און דאָ דאַרף מען לאָזן פאַלן אַ וואָרט וועגן גריווינס אָפּשטאַם, אויב עמעצער איז גרייט צו זוכן זיינע שפּורן:

ביי גריווינען הייסן יונגע מענטשן, נאָך אַלץ: יוגענד. ווייל יונגע מענטשן אין גריווינס דור האָט מען גערופן יוגענד. אַ יונגער מענטש, וואָס האָט זיך אָנגעהערט ווו ניט איז פּאָליטיש, האָט געדאַרפט האָבן אַ צוגעטראַכטן נאָמען, ווי דאָס איז געווען די מאָדע פון דעם עלטער אין גריווינס צייט. גריווין האָט איינגעהאַלטן ביז היינט, אַט דעם אַנטי־ברית נאָמען זיינעם, מיט וועלכן ער האָט זיך געלאָזט דערקענען צווישן פריינד. און ווען אַ קינד איז געבוירן געוואָרן ביי די מענטשן פון דער צייט — די מענטשן מיט צוגעטראַכטע נעמען — איז געווען פאַר־שטענדלעך פון דער איינגעשטעלטער עטיק, מען זאָל עס אָנרופן מיטן נאָמען פון אַ באַליבטן פירער, אַ סימן — אַז מען איז אויף אייביק פאַרכנסט צו דער באַוועגונג.

אָט ווי אַ מאַטראַז, וואָס לאָזט זיך אויסטאַטוּאירן אויפן אָרעם דעם צייכן פון זיין באַרוף — אַן אַנקער און איבער אים דעם נאָמען פון זייער ערשטער געליבטער, וועלכער ער וויל ניט פאַרגעסן — אַזוי האָט גריווין אָנגערופן זיין טאָכטער מיטן נאָמען פון דער זאַמאַשטשער יידישער מיידל, וואָס איז אויסגעוואַקסן צו אַ פּאָליטישער לעגענדע — ראָזע.

★

אַלף גריווינס לעבן איז באַלאַנסירט מיט זאַטער רואי־קייט. אַ צוויי־דריי מאָל אין וואָך טרעפט ער זיך מיט באַקאַנטע אין קאַפע. ער האָט דאָרטן זיין טישל. די פאַר־קויפערין קען שוין זיין שוואַכקייט און גרייט אים צו די קאַווע, ווי ער האָט ליב און דאָס שטיקל עפּל־קוכן, וואָס מוז דווקא זיין אַ מיטל־שטיקל. ביי זיין טישל זענען תמיד דאָ מענטשן וואָס הערן זיך צו צו זיינע קאָמענטאַרן וועגן פּאָליטיק. זיי האַלטן, אַז דער פּאָליטישער אָדער שלאָגט נאָך אין אים מיט יוגנטלעכן ברען. אויך דאָס טוט אים הנאה.

אין אָט דער זאַטער רואיקייט האָט זיך אריינגעריסן דאָס ביכל. דאָס פאַרשאַלטענע ביכל — רופט עס גריווין, וואָס האָט אַוועקגענומען זיין רו. ער האָט עס שוין ניט איינמאָל געוואָלט אַרויסוואַרפן, און פטור. נאָר די געדאַנ־קען האָבן זיך סיי ווי באַזעצט אין זיין מוח, און רופן אים.

„ — אַ מענטש קען באַקעמפן פּאָליטישע ווידער־אַנאַנדן. ער קאָן זיי אויסטייטשן און צופּאַסן צו זיין גע־דאַנקענגאַנג, זיי זאָלן אים אַנטשפּרעכן. אַ מענטש קאָן אָבער נישט באַקעמפן דעם ווידעראַנאַנד פון צייט. ער איז איינגעשמידט אין זיין צייט, ווי אין אַ שטייג, כאָטש ער פילט עס ניט. געוויס: מיט אַלע זיינע חושים לעבט ער אין דער צייט — אין וועלכער ער לעבט. זיינע פּרנסות, זיינע פאַרלאַנגען, זיינע פאַרמעסטן און דערגרייכונגען — דאָס אַלץ פּאַסט זיך גענוי אריין אין זיין צייט. זיין גייס־טיקע וועלט איז אָבער פאַרבליבן אין דעם דור — אין וועלכן ער איז רייף געוואָרן. ער טראַכט מיט יענע קאַטע־גאָריעס. זעט מיט יענע אויגן. די אויסווירקונג פון דער צייט איז שטאַרקער ווי זיין ווילן — איר קאָן ער נישט בייקומען״.

גריווין האָט אויפגעהערט צו קומען אין קאַפע. אויפ־געהערט צו באַוווּנדערן זיין בילדער־קאָלעקציע. אויפגע־הערט אפילו הערן מוזיק.

ווי אַ בייזע פליג האָט געזשומעט אין זיין אויער אַ באַגריף, וואָס האָט צוגערויבט זיין רו:

— בין איך דער מענטש פון אנומלט?

## רינגען — LINK

מיר האָבן באַקומען דעם דריטן נומער פון דעם זשור־נאַל, אַרויסגעגעבן דורכן יוגנט־בונד „צוקונפט״.

דער זשורנאַל איז געווידמעט 80 יאָר „בונד״ און 50 יאָר „סקיף״. ער דערשיינט אין יידיש און ענגליש.

דער לעצטער נומער באַשטייט פון פּאָליטישע אָפּשאַ־צונגען, וועגן אויסטראַלישע און וועלט־פּראָבלעמען.

אַ גרויסן אָרט פאַרנעמען יוגנט־פראַגן.

עס איז גראַפיש שיין אַרויסגעגעבן. ווי רעדאַקטאָרן זענען אָנגעגעבן: מייקל זילבערמאַן; שמואל סלוצקי; הענרי נוסבוים; נאַטאַן פינסקער, הענרי מאַנקוס.

אַ צווייטן חבר. ער איז נאָך ביי זיין לעבן געווען אַ לעגענדע. די בלעטער דערציילן וועגן דעם מזבח אויף וועלכן דער מענטש האָט זיך פרייוויליק געבראַכט פאַר אַ קרבן צוליבן וויל פון אַרבעטער־קלאַס.

אַ דריילינג זענען זיי געווען: אשכנזי, ריבקין און גריווין. און קוקנדיק אַזוי, דוכט זיך אים — אַז אויך איצט וואָלטן זיי געדאַרפט שטיין צוזאַמען—צווישן אשכנזיס בי־כער און ריבקינס — דאָס ווערק פון אַלף גריוון — אַ פיין געבונדענער באַנד מיט גאָלד־געפּרעסטע בוכשטאַבן אויפן רוקן.

און דאָך האָט אים געצויגן צו אַן אַנדער בוך. ער איז תמיד צוגעקומען צום זעלבן אָרט, ווו דאָס צעטעלע איז געווען פאַרלייגט מיט זיינע באַמערקונגען. דער אַפּזאַץ וואָס ער האָט געפונען, האָט אים באַזמרואיקט און דענערווירט:

„— מענטשן לאָזן וואַרשיינלעך איבער שפּורן אין דור, אין וועלכן זיי לעבן — אַזוי אויך לאָזט יעדער דור איבער זיינע שפּורן אין מענטשן. לויט די שפּורן קאָן מען געוויינטלעך באַשטימען דאָס אָרט פון דעם דור אין דער צייט־רעכענונג.

די אינטעליגענץ פון מענטש אין דער וויטער אור־צייט האָט מען באַשטימט לויט די געפונענע כלים אָדער געצייגן — אַזוי געפינט מען היינט די שפּורן אין אַ וואָרט, אַ באַגריף. אפילו לויט די מידות וואָס די מענטשן פון געוויסע קרייזן אין דעם דור האָבן באַנוצט, כדי זיך צו לאָזן דערקענען צו איינאַנדער; אפילו ווען דער מענטש איז שוין אריינגעוואַקסן העט, העט אין אַנדערע דורות — גייט אים אָבער נאָך ווי אַ שאָטן דער דור, אין וועלכן ער אליין איז אויפגעוואַקסן...״

גריווין האָט זיך באַטראַכט ווי א מענטש פון דער עפּאָכע, אין וועלכער ער לעבט. דאָך איז אים אויסגעקומען פאַרדעכטיקט, ווי אַזוי אָט די צייט ווערט געשילדערט. איז עס טאַקע די עפּאָכע אין וועלכער ער לעבט?

„— עס איז די עפּאָכע פון יונגע מענטשן וואָס דרייען אויס דעם פּעלץ אויף דער לינקער זייט אין זייער איבער־צייגונג, אַז ביז איצט איז עס גאָר קיינעם ניט איינגעפאַלן צו טאָן. עס דוכט זיך זיי, אַז וואָס זיי האָבן דערהערט — איז דאָס כישוף־וואָרט נאָך וועלכן די מענטשהייט האָט געבענקט, נאָר אין איר צוריקגעשטאַנענקייט האָט זי עס ניט געקאָנט באַנעמען.

וועלכע פּאָזיטיווע אידייען קאָנען האָבן די בחורים אין לויזע, צעצויגענע סוועטערס מיט ניט געצוואַגענע האָר און מיט בערד ווי פון פאַרצייטיקע קריגער; די מיידלעך — אין ענגע „דזשינס״ און דינע, כמעט דורכזיכטיקע „באָדי־שערטס״ ווו די ברייטע בריסט־וואָרצלען זעען זיך שאַרף אָן, אַ דעמאָנסטראַטיווער באַוויז — אַז זיי טראָגן נישט קיין ביוסטן־האַלטערס״.

צום וויפלטן מאָל לייענט שוין גריווין די באַמער־קונגען? זיי פּרובירן צו פאַרטרייבן פון גריווינס געדאַנק דעם גלויבן, וועלכן ער האָט אינוועסטירט אין דער יוגנט; די האָפענונג — אַז זיי וועלן אונדזער טרוקענער מאַטער־יאַליסטישער וועלט געבן אַ נייעם אינהאַלט. אויפהויבן איר אַ שטאָפּל העכער — געבן איר עקזיסטענץ אַ זין. גריווין אַליין האָט ניט באַנומען — אַז ער טראַכט מיט די מחשבות פון זיין דור.

צו זיינע צווייאוןצוואַנציק יאָר האָט גריווין שוין אויך געהאַט גרייט זיין אייגענעם „בלופּרינט״ פאַר דער פירונג פון דער וועלט, לויט וועלכן דער מענטש וועט געניסן פון צוגעזאָגטן מן — און הגם גריווין האָט שוין דאַן געוווּסט, אַז דער מן האָט פאַר יעדן געהאַט אַן אַנדערן טעם — דעריבער האָבן עקאָנאָמישע סטאַנדאַרטן (אונ־טערגעשטראָכן מיט אַ רויטן בליישטיפט) געדאַרפט זיין דער מאַטעמאַטיש־באַרעכנטער יסוד, אויף וועלכן די גע־זעלשאַפט וועט זיך אַנטוויקלען.

אין זיינע פילאָזאָפישע באַגריפן האָבן אָפּט זיך געביטן די שיטות. מען מוז אָבער מודה זיין — ניט צוליב דעם, ווייל גריווין האָט באַמערקט בלויזן, אָדער עס האָבן זיך ביי אים באוויזן סימנים פון נישט שטאַנדהאַפטיקייט. פאַר־קערט: גריווין האָט געהאַלטן פון זיין „בלופּרינט״ אַ וועלט. ער איז גרייט געווען צו גיין אויף באַריקאַדן פאַר אים. אַזוי זיכער איז ער געווען אין דער פּרעציזיקייט פון די אָנגעצייכנטע ליניעס, באַרעכנטע פאָרמולן אויפצו־ציען די נייע געזעלשאַפט, ווי מען ציט ארויף שטאָקן אויף א בנין.

נאָר וואָדען?

שולדיק זענען געווען די אינזשיניערן, וועלכע האָבן ניט געקאָנט דורכקומען צווישן זיך וועגן געוויסע טעאָ־רעטישע באַהויפּטונגען. געווען צווישן זיי נאָוואַטאָרישע און אויך קאָנסערוואַטיווע אינזשיניערן. די ענדערונגען וועלכע גריווין האָט איינגעפּירט זענען געווען דערפאַר, וואָס ער האָט אין דעם דיספּוט געגעבן געערעכט אַמאָל איין גרופּע, אַמאָל אַ צווייטער.

צוליב די אַלע סיבות איז אויסגעקומען, אַז אין גרי־ווינס „בלופּרינט״ האָבן זיך באַוויזן איבערגעקרייצטע לי־ניעס. עס האָט אָנגעהויבן אויסזען ווי אַ לאַבאַרינט, אין וועלכן מען קאָן ניט געפינען קיין אריינגאַנג און קיין ארויסגאַנג. ער האָט זיך דערפילט ווי אַ שילדקרעט וואָס גראָבט טונעלן אין דער פינצטער, אין פאַרשידענע ריכ־טונגען. דער אינסטינקט פון שילדקרעט איז צו גראָבן אין דער ערד. איז אַ פון פאַרויס באַשטימטע פונקציע. — אָט צוליב דעם איז ער אייגנטלעך באַשאַפן געוואָרן. נו — און גריווין?

וואַרשיינלעך איז זיין מוח אזוי קאָנסטרואירט, אַז ער מוז זיך תמיד גראָבן אין פּראָבלעמען אָן צו פּרווון דערגיין די לאָגיק פון די אינזשעניערישע ווידעראַנאַנדן.

סיי ווי: דאָס געפיל, אַז די אינטעלעקטואַלן האָבן ווידער פאַרקניפּט דעם פאַדעם, וואָס האָט זיך ביי אים ערגעץ ווו איבערגעריסן — האָבן ביי אים ארויסגערופן ווידערקלאַנגען פון יענע יאָרן, ווען ער אליין האָט געהערט צו דער יוגענד. האָט געפּרווט אַ טרייסל טאָן מיט דער וועלט פון קליינבירגער. ווייל וויסן דאַרף מען: אין גרי־ווינס דור באַצייכנט צו ווערן ווי אַ קליינבירגער, איז געווען נאָך ערגער ווי מען וואָלט עמעצן פאַרגעוואָרפן, אַז זיין מאַמע וויס איבערהויפּט ניט, ווער זיין טאַטע איז געווען.

מ. אייזענבוד

# דער מענטש פון אַנומלט...

דערציילונג

דער „מענזיס דרייוו" האָט נאָכגעפּאָלגט דעם אָקעאַן מיט זיינע קאַפּריזנע ברעגן. כאָטש דער „דרייוו" איז געוועזן איינער פון די וויכטיקסטע אַרטעריעס פאַרן אויטאָפאַרקער, האָט ער דאָך זיך געמוזט אויסבייגן אַזוי, ווי דער אָקעאַן האָט געצייכנט זיינע ברעגן. אַזוי האָבן אויך די פּאַלמעס, וואָס האָבן זיך צעוואַקסן ביים ראַנד פון וועג געמוזט נאָכפּאָלגן דעם „מענזיס דרייוו".

אַלץ וואָס די פאַרבייפאָרער, וואָס טרייבן די שנעללויפנדיקע אויטאָס האָבן צייט אויפצוכאַפּן מיטן בליק — זענען הויכע, קאַרבירטע, נאַקעטע שטאַמען.

דורך די פענצטער פון גאָרן, ווו עס וווינט אַלף גריוויין, זעען אָבער די גרינע פּאַלמע־שפּיצן אויס ווי גרינע קוסטעס, וועמענס בלעטער עס גלוסט זיך אָפּט מאָל אַ צופּ טאָן. פון דער גאָרן זעען די פאַרביילויפנדיקע אויטאָס אויס ווי פלינקע זשוקעס, וואָס גליען אין דער נאַכט מיט רויטע אויגן.

דאָס אָפּשלאָגן זיך פון די כוואַליעס אין דער בעטאָנענער וואַנט, וואָס באַשיצט דעם „מענזיס דרייוו"; דאָס גערויש פון די צווייגן אין ווינט; דער נאָכאַנאַנדיקער ריטם פון דער פּולסירנדיקער באַוועגונג — דאָס אַלץ פאַרהאַלט זיך אין דרויסן, פאַרן פענצטער.

אויפן גאָרן ווו עס וווינט גריוויין (אַלף גריוויין — איז אויסגעקריצט מיט געקינצלטע בוכשטאַבן אויפן מעשענעם בלעטל ביים נומער פון שטאָק און ביים עלעקטרישן גלאָק). ווערן אפילו מענטשלעכע טריט איינגעזאַפּט אין דעם וייכן, האָריקן טעפּיך. דאָ ווערן אפילו די קלאַנגען רעגולירט לויט גריווינס שטימונג, ווען זיי קומען ארויס פון עלעקטרישן שפּילקעסטל מיט די צענדליקער קנעפּלעך און רעגולאַטאָרן. דאָס האַרמאָניזירט מיט די בילדער אויף די ווענט. די בילדער אליין, קאָן מען זאָגן, זענען די עדות פון גריווינס אינטעלעקט.

פּיקאַסאָ, מאַטיס, רענאָיר. עס לאָזט זיך מערקן, אַז די פראַנצויזישע מאָלעריי האָט אַן אָפּקלאַנג אין זיין געמיט. זיי רירן אָן ערגעץ ווו אַן עראָטישע סטרונע, וואָס רופט ארויס פאַרגאַנגענע איבערלעבונגען. זיי לאָזן זיך געדאַנקלעך ביי אים רעסטאַווירן ביזן קלענסטן פּרט... דערביי רופן זיי אויך ארויס א מידן שמייכל, אין וועלכן ער איז פאַרבאָרגן די דערינערונג פון גענוס, וואָס נאָר ער — גריווין ווייסט דעם באַשייד דערפון:

אַזוי זענען אויך די קליינע, פון האָלץ־געשניצטע סטאַטועטקעס, געמאַכט פון פּילבאַרע פינגער פון „נייטיווס", וועלכע באַווינען די אינדזלען, צעוואָרפענע איבערן אינדישן אָקעאַן. דאָס זענען צאַרטע פרויען־פיגורן, וועלכע באַמיען זיך מיט דינע ציטערדיקע פינגער צו פאַרשטעלן זייער נאַקעטקייט. די מיידלשע גלידער, געשניצטע מיט קינסטלערישער געוואַגטקייט — לאָזן זיך ניט סתם אָנקוקן גלייכגילטיק. פון זיך אליין ציען זיך די הענט צו די פיגורן — בלויז כדי זיך צו איבערצייגן, אז זיי זענען טאַקע ניט מער ווי האָלץ, ניט מער ווי דער טרוים פון אַ קינסטלער. און אפשר זענען פאָרט דאָ אַזעלכע באַרוישנדע פרויען־גלידער ביי די פרימיטיווע מיידלעך פון די טראָפּישע אינדזלען? מען פילט:: דאָס איז ניט מער די עראָטיק פון דער יוגנט וואָס טראָגט אין זיך ווולקאַנישע לאַווע — עס איז עראָטיקאַ־נאָסטאַלגיע, אויסגעדריקט דורך קונסט. און אפשר האָבן די שטייגנדע, אָנגעוואַקסענע געפילן פון קינסטלער געפונען זייער אויסדרוק אין די בילדער, אין די שניצערייען? אים דאַכט זיך אפילו, אַז די געשטאַלטן זענען אויסגעוואַקסן אין באַוווסטזיין פון קינסטלער — אַן אויסגעטרוימטע געליבטע, וועלכע בלייבט אייביק יונג; און כדי ניט צו פארלירן איר אָנבליק, האָבן די קינסטלער איר אָנגעקליידט אין שטיין־פאָרם, פאַראייביקט אויפן לייוונט אָדער דורך געניטע פינגער געגעבן איר די דימענסיעס, וואָס דורך זיי וועט זי תמיד בלייבן יונג, ווען די ציטערדיקע פינגער פון קינסטלער וועלן מער ניט קאָנען אויפלעבן אויפן לייוונט זיינע יוגנטלעכע טרוימען.

אַז זיין בליק נעמט וואַנדערן פון איין געמעל צום צווייטן, פון ברוין־לאַקירטער צו אַ מאַט־מאַרמאָרנער פיגור, קומט אים אויס — אַז יעדער קינסטלער איז אַנדערט אָנגערעגט געוואָרן; אַז די דאָזיקע אַנדערשקייט האָט ער געוואָלט אויף אייביק פאַרהאַלטן, איינגלידערן אין בילד זיין אינטימען סוד — צו וועלכן נאָר ער אליין האָט דעם שיפער...

אַזעלכע שטימונגען באַפאַלן גריווינען אין מאָמענטן פון אומעט, ווען ער דערפילט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעשטויסן פונעם שטראָם פון די געשעענישן; ווען ער ווערט מיד פון לייענען די ביכער פון זיין פריינד, אָט דעם הויכן, דאַרן בחור מיט די גאָלדענע פענסנע, מיט וועלכן ער איז צוזאַמען געזעסן אין די קאָמיטעטן; דיסקוטירט אויף קרייזלעך. יאָ — אַצינד איז זיין פריינד אַ סאָלידער פּראָפעסאָר, וואָס שרייבט אין אַ פרעמדן לשון ביכער, וועגן זיינע דערפאַרונגען און קענטשאַפט פון פּאָליטיק.

גריווין האָט אַלע ביכער פון פּראָפעסאָר אשכנזי, און ווען ער לייענט זיי, הויבט ער פון זיך אליין אָפּפרעגן געוויסע געדאַנקען. ער דערפילט דעם כוח פון יענע דיספּוטן אין די שלאָפלאָזע נעכט... די ביכער רופן ביי אים ארויס א מין געפיל, אז ער האָט עפּעס פאַרלוירן; אַז ער איז אויסנגעבליבן. דעמאָלט באַפאַלט אים אַ בייזקייט:

— געוויס האָב איך מער געלט פון אים, אַ שענערע ווינונג — אָבער ער האָט עפּעס אויפגעטאָן. זיינע אידעאַלן זענען נישט געגאַנגען לאיבוד. עס איז אַ גייסטיקע ירושה פאר דורות, און איך דאָ צאַפּל זיך ווי אַ פישל אויף אַ ווענדקע — אויף אַ קליינבירגערלעכער ווענדקע, געכאַפּט אויף א גאָלדן האַטשיקל... געוואָרן אַן אָנגעזענער מענטש ביי די גויים — פּראָפעסאָר אשכנזי.

נעבן די ביכער שטייט א יידיש ביכל פון זיינס

— — „בלייבט אין דרויסן". און די וועלט האָט אַ גע־רוימען דרויסן, ווו אַלע די סימבאָלן קענען געפינען פאַר זיך אַן אָרט ווי זייער גורל וואָלט זיך אָפּגעשפּילט אין חלל.

„דער קעניג און דער פייגלשרעקער" פאַרלויפט זיך אויך אין דרויסן: „פּלוצעם האָט זיך דער קעניג געפונען אויף א ליידיק פעלד". און ער קען זיך ניט בייטן אַפילו מיטן גורל פון פייגלשרעקער. דער וועג צום פּאַלאַץ איז שוין ניט פון מושל זיין, נאָר „משלים זיין", זוכן אַ קאָמ־פּראָמיס. אפשר איז „דרויסן" דער שאַנס פאַרלאָרן צו גיין מיט ווירדע, אַז קיין פרעמד אויג זאָל עס ניט באַמערקן.

זיין מעשה איז ווי אַ מושלע, וואָס אין איר זשומעט אַ ים מיט ציטערדיקער בענקשאַפט. די קוים 2־בלעטער־דיקע מיניאַטור „פּאַנאַגאַליאַ" איז בלויז איין מוסטער און אין אַ געוויסן זין דערמאָנט עס אָן ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע: בלומען, ריחות, געמיט. אפשר דערפאַר איז „מיין באַ־גערטע, די אינדישע פּרינצעסין"... די און „אַלטמאָדיש", „די לעצטע נאַכט", „ס'האָט מיך אַ זשאַבע פאַרשאָלטן", וואָלט מיך ניט געוווּנדערט צו זען זיי אין לידער. און אַוודאי וועט ניט איין לייענער זיך ברעכן דעם קאָפּ זיי צו דעשיפרירן. אַזוי האָט צבי אייזנמאַן ליב זיך א שפּיל טאָן מיט פלאַטער־פליטערלעך אין זיין ליטעראַרישער וויטרינע. אָבער איבער אַלץ איז דער מענטש און זיין גורל.

פון אַן איינציקן עפּיזאָד קען ער אויספלעכטן אַ פאַר־כאַפּנדיקע דערציילונג. זי וועט האָבן האַנדלונג, אָבער ניט קיין סענסאַציע. זיך אַנהייבן אין אַ מיט און פאַר־ענדיקן אין מיטן און ס'וועט נאָך איבערבלייבן עפּעס אַ גוט „שטיקל" צום לייענען... דאָס רוב קומט עס פאַר אין דערמאָנונגען און טראַכטענישן נעכטן און היינט, וואָס איז דער עסענץ פון געמיט און שטימונגען. די נעכטן־היינט־קייטלונג איז די זכרונות־וועלט פון די חורבן־יאָרן מיט דער היינטיקער ישראל־וואָר. צבי אַ. ווייס די קונץ ווי אָנצוצינדן אַ פונק אין זכרון און אויפצוליכטיקן אַ שטיק לעבן, געשעענישן, מענטשן. זיי זענען ליכט־שאָטן־וואָר־חלום־מעשהלעך, ווי אָפּגעבראָכענע שטיינ־שטיקער פון האַרטן לעבן. זיי זענען ניט טרויעריק און ניט דערפרייענדיק, נאָר אומעטיק־נאָכטראַכטעריש, מיט פונקען פון גלויבן און האָפענונג. זיי פאַרמאָגן אַלע ביטער־קייטן און זיסקייטן פון לעבן. דער קלימאַט איז גורלדיק, טראַגיש אָבער אויך טרייסטנדיק און די מענטשן האַנדלען, פּסיכאָלאָגיש, ווי מענטשן אין זייער לאַגע און באַדינגונ־גען דאַרפן האַנדלען. ער ברענגט אַרויס פון זיי דעם תוך, דעם קערנדיקן אינהאַלט („די פרוי פונעם העלד", „דער טייטלבוים", „דער ניט אַוועקגעשיקטער בריוו" א"א), מעג זייער מאַטעריאַל און זשאַנער זיין אַ פאַרשידנאַרטיקער. אַלץ איינס איז עס דאָס לעבן פון אַ גרויסער יידישער וועלט אין אומקום און אויפקום. אין דער וועלט זענען חורבן און תקומה צוזאַמענגעשמאָלצן אין די הערצער פון די עלנטע מענטשן — און אין זייער נעכט־היינט־סינטעז האָט צבי אייזנמאַן אַריינגעבלאָזן קינסטלערישן אָטעם.

י. מ. לעווין

# זקנה בענקשאַפט

כ'האָב זיי געזען אין פרימאָרגן
נאַרוואָס אַרויס פון אַלטנהויז.
זיי האָבן זיך געשאַרט
מיט געזונקענע קעפּ
טראָט ביי טראָט
פון שאָטנס צו זון,
צו מענטשן, צו ליכט —
אַ פּיצל אייגן אָרט
אין דער וועלט
פאַר זיך נאָך געזוכט.

פאַר די מיד־מאַטע אויגן,
צו שאַרף די זון איז געווען,
פאַר בענקנדיקע הערצער,
צו קאַלט זענען מענטשן געווען,
האָבן געבויגענע קעפּ
זיך טיפער געבויגן,
און מיט אומעטיק געמיט,
צו אייגענע שאָטנס געצויגן
מיט מידע טריט.

פאַרנאַכט האָב איך זיי ווידער דערזען.
אויף אַ גאָרטן באַנק —
אַ שורה ציטערדיקע קעפּ, פאַרריסענע
צום הימלס שקיעה־רויט, —
ווי פייגל פאַרנאַכטיקע
מיט שנאָבלען ביטער פאַרביסענע,
וואָלטן פאַרדימיונטע, אויף אַן אַלטן פלויט,
אין טאָגס לעצטן דאַנק,
פאַרנומען דעם אומעטיקן עכאָ
פון פאַרגאַנגענעם
יוגנט־געזאַנג.

# זיין שפּראַך

פאַרגאַנגען זיין לעבן. אים זעגנט זיין שפּראַך.
אוים מיט זיין ווייסן. זיין שטוב מיטן דאַך, —
אוים מיט זיין לעבן, ער דאַרף נישט קיין זאַך, —
עס בלייבט אָבער ווייטער לעבן זיין שפּראַך, —
אין האַרץ פון זיין פאָלק געפינט זי אַ היים, —
זיי בענטשן צוזאַמען זיין בערגעלע ליים...

מאיר זייבל

ד. וואָלפע / יאָהאַנעסבורג

# סינטעז פון נעכטן־הײַנט

**צבי אײַזנמאַן:** צווישן גרענעצן — דערציילונגען און בילדער. הוצאת הקיבוץ המאוחד. תשל״ד. 154 זייטן.

צבי אײַזנמאַן געהערט צו דער ליטעראַרישער גרופּע יונג־ישראל. זײַן ערשט בוך דערציילונגען, די באַן, איז דערשינען אין 1956. זינט דעמאָלט, מיט הפסקות פון 9 יאָר, האָט ער אַרויסגעגעבן נאָך צוויי ביכער: מזלות — 1965, און 1974 — צווישן גרענעצן. קומט צוריק אין זכרון זײַן ערשט בוך און די שטילקייט וואָס האָט געפּלאַטערט איבער די קורצע מעשׂהלעך. זײַן „באַן״, וואָס האָט אײַנגעגנטלעך געדאַרפט זײַן דער סימבאָל פון אַ משוגענער תקופה אין „פּוילן, רוסלאַנד, ישראל״, האָט גאָר אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם און שטיל געשילדערט מענטשן און שטיקער לעבן מיט כמעט אידילישער רו. כ׳וואָלט געזאָגט, אַז ער האָט נייטראַליזירט דעם גערויש פון יענער צערודערטער עפּאָכע, אַרויסגעלאָזן די ווילדע פּאַרע פון לאָקאָמאָטיוו־קעסל און אָנשטאָט דעם גרילציקן פֿײַף האָט אַ זשום געטאָן מיט אַלטער בענקשאַפט און חלום. זײַנע פּאַסאַזשירן אין באַן זענען געווען אַנדערש, ווי אַ סתירה צום געשריי פון דער גאַס וואָס האָט זיך געוואָלט זען אין דראַמאַטישן שפּיגל פון בלוט און פײַער — און אַזוי אַנדערש איז אויך געווען זייער מחבר.

די אַנדערשקייט האָט אַוועקגעשטעלט צבי אײַזנמאַנען ווי אַ באַזונדערן דערציילער. זײַן לידאַרטיקע דערציילונג לייענט זיך ווי געזאַנג, און איר גרעסטע מעלה איז איר קינסטלערישער צימצום, דער מיעוט המחזיק את המרובה. מ׳וואָלט אוודאי די דערציילונגען געקענט אויסציען און כסדר איבערקייען, ווי קײַגומע, אָבער אײַזנמאַן האָט דעם ראַפינירטן הוש ווו צו שטעלן דעם סוף־פּסוק. ער זוכט נישט קיין קינסטלעכע קלימאַקסן און נישט זעלטן האַקט ער איבער אין סאַמע מיטן און דער לייענער קען עס שוין פאַרענדיקן אין זײַן פאַנטאַזיע.

אין עטלעכע שורות איז שוין פאַראַן די נאַטור, שטימונג און דער גורל איז שוין במילא מיט דעם פאַרבונדן. און ווי ווייניק די שורות, זענען עס נאָך ווייניקער די מענטשן. ער לאָזט זיך נישט פאַרכאַפּן פון ברייטן לייוונט, אָבער יעדער בילד איז א שטיק צאַפּלדיק לעבן, געפּרעסט און קאָנדענסירט ווי א קערן. דער לייענער דאַרף נאָר טועם זײַן די יאָדער און הנאה האָבן. ס׳איז לײַכט אַרויסצוּוויקלען דעם טיפערן תוכן פון צווישן די שורות.

איך האָב נישט געהאַט דאָס מזל צו זען די „מזלות״־דערציילונגען, אָבער פון סאַמע ערשטן בילד פון זײַן נײַ בוך (קויב דריי זייטן), דערפילן מיר די קלוגע ליניעס פון מיניאַטורנע געצייכנטן „אויסגעדאַכטן מאַריאָנעטן־טעאַטערל״ און „דאָס פּופּציק יעריקע ייִנגעלע״, דער סצעניַשער רעקוויזיט־אַלטניי, די אַטריבוטן און סימבאָלן שוין באַקאַנט — קעניג, פּרינצעסין א״אַ, — אָבער עס פאַרמאָגט אַ פריש פילאָסאָפישן משל־נמשל, דעם אייביקן אוניווערסאַלן מוסר־השכל, די מאָראַל פון אַלגעמיין־מענטשלעכע ווערטן. און די שפּראַך איז רײַך, בילדעריש־פאַרביק און דערבײַ שפּאָרעוודיק, ווי דאָס וואָרט וואָלט אים תמיד געקומען צו דער האַנט.

די כאַראַקטעריסטישע „ביאָגראַפיע־עפּיזאָדן״ פון „ביף״, וואָס דאַרף אין צופעליקע בילדלעך צייכענען די קינסטלערישע פיזיאָנאָמיע פון מאַרסעל מאַרסאָ, איז אַ מוסטער פון קיצור. און אין דעם קיצור דערזעען מיר בולטער און פאַרטיפטער די געשטאַלט פון גראַנדיעזן קלאַון. די מאָדערנע געזעלשאַפט אַקצעפּטירט אים ניט, און ער, דער דרויסנדיקער, וואָס „שטאַמט פון ביימער״

---

אידיאָט האָסטו געזאָגט, מען ווייסט שוין, וואָס דאָס באַדײַט, דו מיינסט אונדזער צאַר באַטושקאַ, קום מיט מיר...״

אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד: נאָך דער מענדעלע־אַקאַדעמיע איז צום שרײַבער פון די שורות צוגעקומען אַ דאַמע פון יענער זײַט „יאַרראַ״, וועלכע וויזט זיך אין „קדימה״ איינמאָל אין אַ יובל און אויסדריקנדיק איר עמפּערונג צו די „שטערערס״, געזאָגט געוויינלעך אין ענגליש: „איך בין צופרידן, וואָס איך בין געבוירן אין אַן ענגליש־רעדנדיק לאַנד און נישט אין מזרח־אייראָפּע, ווו ס׳איז נישטאָ קיין שום טאָלעראַנץ״. מיט אַ שמייכל האָב איך בלויז געענטפערט אויף דער דאָזיקער טענה: „וואָס ווייסן די דאָזיקע „ליידיס״ פון יענער זײַט „סמבטיון״ וועגן ייִדישן מאַסן־לעבן אין א פּוילן, רומעניע, רוסלאַנד, זיי ווייסן מער וועגן די בושמענער און האָטענטאָטן אין אַפריקע, איידער וועגן דער מאָדערנער ייִדישער מאַסן־קולטור, וואָס איז פאַר זיי תרגום־לשון, אָבער דערפאַר קאָן מען פאַרמאָגן א פול מויל מיט טאָלעראַנץ...״

אויף וועמען מען קען זיך יאָ וווּנדערן איז אויפן דיכטער מלך ראַוויטש (ער האָט דעמאָלט געוווינט אין מעלבורן), ווײַל זײַענדיק אַ מיטגליד אין „קדימה״־קאָמיטעט איז זײַן פליכט געווען צו באַאײַנפלוסן די איבעריקע וועגן דער צוועקלאָזיקייט פון דער העברעישער רעדע בכלל. אַלס איינער פון די זײַלן פון דער ייִדישער ליטעראַטור און מאַסן־קולטור, וועלכע האָט אַזוי פיל אויסצושטיין פון קעמפערישן העברעיזם, האָט איר, חבר ראַוויטש, געדאַרפט דערמאָנען, אז העברעיש האָט קיין פּלאַץ נישט אין אויסטראַליע. קוקנדיק אין פּנים דער אַלץ וואַקסנדיקער אַסימילאַציע איז אַ פאַרברעכן אויך דאָ צו קומען מיט דעם דואַליזם: ייִדיש און העברעיש, און אויב מ׳גייט רעדן אויף אַ מענדעלע־אָוונט העברעיש, הייסט שפּילן אויף די ציוניסטיש־העבראַיסטישע סטרונעס. זאָל מען דערפאַר נישט פאַרלאַנגען פון ערלעכע ייִדישיסטן קיין איבעריקע טאָלעראַנץ.

ס. בורשטין

גלענצנדיקע רעדעס, וועגן מענדעלע מוכר ספרים וועט ער נישט געדענקן. דאַקעגן וועט ער מיט אַלע איינצלהייטן דערציילן, אַז מען האָט געטופּעט מיט די פּיס, מענטשן האָבן דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזן דעם זאַל, מען האָט געשריען, געליאַרעמט, מען האָט באַליידיקט, פּעטש זענען שיער נישט געפאַלן.

וואָס איז פאָרגעקומען?

די „קדימה", וועלכע האָט דעם מענדעלע־יובילעאום אָרגאַניזירט, האָט צוגעגרייט אויסער יידישע און ענגלישע רעדעס אויך אַ רעדע אין דער העברעישער שפּראַך. די צוועקמעסיקייט פון דעם איז נישט פאַרשטענדלעך, סיידן צוליב העברעאיסטישע דעמאָנסטראַציעס. אויב מען האָט געוואָלט מיט דעם באַווייזן די פאַרדינסטן פון מענדעלען פאַר דער העברעישער ליטעראַטור, איז נישט נויטיק דווקא צו רעדן העברעיש, פּונקט ווי מ׳קען באַווייזן די פאַרדינסטן פון שעקספּירן פאַר דער ענגלישער ליטעראַטור און דערציילן דאָס אין יידיש. צווייטנס קען דער העברעישער רעדנער ה׳ סטאַר, אַ גאַנץ גוטן יידיש און דער עולם איז געווען אין זיין גרעסטער מערהייט אַ יידישיסטישער, וועלכער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט העברעיש. דאָס איז נישט צו פאַרגלייכן מיט דער ענגלישער רעדע, וועלכע איז דווקא יאָ געווען אויפן פּלאַץ, ווייל די היגעווירקלעכקייט איז אַזעלכע, אַז דער נייער דור, וועלכער איז געווען היפּשלעך פאַרטראָטן אויף דער אַקאַדעמיע, פאַרשטייט שוואַך אָדער אינגאַנצן נישט קיין יידיש און צו זיי איז נויטיק צו רעדן אויף ענגליש. אָבער רעדן העברעיש פאַר אַזאַ עולם, פאַר פּשוטע קאַרלטאָנער יידן, הייסט רעדן צו דער וואַנט. דער גרויסער עולם איז געקומען אין „קדימה"־זאַל נישט צו באַקוקן זיינע שיינע ווענט, אָדער הערן דעמאָנסטראַטיווע העברעישע רעדעס, נאָר פייערן דעם הונדערטיאָריקן געבורטסטאָג פון פּיאַנער און שעפער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספרים.

ווי געזאָגט, האָט די „קדימה" דעם אָוונט איינגעאָרדנט און זי איז פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלעך.

אָבער דער עולם קען זיך נישט אויף קיין שום דיפּלאָמאַטיע און רעאַגירט אַזוי ווי ער פילט. עס איז נאָך ווייניק צו זאָגן — נישט דערצויגנקייט, נישטאָ קיין טאָלעראַנץ. די מאַסע איז אומברחמנותדיק און קען זיך נישט אויף קיין שום סענטימענטן. נישט איין קינסטלער פון יידישן טעאַטער האָט זיך מער גערעכנט מיט דער מיינונג פון דער גאַלעריע, מיטן עמך, מיט טופּן מיט די פּיס אָדער האַרטן בראַוואָ־פּאַטשן, איידער פון די ווייכער פעטשעלעך און ליבע־שמייכעלעך פון די ערשטע רייען.

אָבער דאָס פּובליקום לאָזט זיך נישט נאַרן, ווען דער העברעישער רעדנער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט מען באַלד געפילט אַ דענערווירונג אין זאַל — שטולן האָבן אָנגעהויבן סקריפּען. דאָס איז שטענדיק דער ערשטער סיגנאַל אין אַזעלכע סיטואַציעס. שפּעטער האָבן זיך פון אַלע זייטן אויפגעשטעלט צענדליקער מענטשן און ארויסשפּאַצירט, טראַכטנדיק דערביי: „אַז הייס איז, און פאַרשטיין, פאַרשטיי איך קיין וואָרט, וואָס זאָל איך נאָך זיצן?..." די מער געדולדיקע, הגם אויך זיי האָבן גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען, אָבער כדי נישט צו שטערן די פייערלעכקייט, זענען געבליבן, האָפנדיק, אַז דער רעדנער וועט דאָס מאַכן זייער בקיצור. זעענדיק, אַז דאָס נעמט קיין סוף נישט, האָט זיך אָנגעהויבן א שטילער טופּן מיט די פּיס, וואָס איז געקומען פון אַלע עקן זאַל, אַ קאַפּאָליער אָנצוהערן, אַז ס׳איז שוין צייט צו פאַרענדיקן. אָבער דער רעדנער רעדט ווייטער. האָט מען אָנגעהויבן זאָגן שאַ, שאַ „שטיל", ווי מען זינגט אין דעם לידל „שאַ, שאַ, דער קייזער שלאָפט".

זאָגן, אַז דאָס איז נישט טאָלעראַנץ, איז פּונקט ווי שרייען — כאַפּט דעם גנב. אויב איינער האָט געקאָנט צונעמען אַזויפיל צייט ביי א פּובליקום פון דריי הונדערט מענטשן אויסשליסלעך צוליב זיין פאַרגעניגן, ווייל ער האָט געוואָלט רעדן העברעיש, האָט דער עולם געהאַט פולשטענדיק רעכט צו פּראָטעסטירן.

דער שרייבער פון די שורות, הגם ער האָט געהאַלטן פאַר רעכט דעם שוין גאָרנישט שטומען פּראָטעסט פונעם פּובליקום, האָט זיך אַליין אין דער קעגן־דעמאָנסטראַציע נישט באַטייליקט, נאָר דאַקעגן, רואיק געוואַרט ביז דער רעדנער וועט פאַרענדיקן, אויסשליסלעך דערפאַר, כדי נישט צו שטערן די פייערלעכקייט, נאָך דער רעדע האָט ער זיך אויפגעשטעלט און זיך געווענדעט צום פאָרזיצער מיט דער פאָלגנדיקער ביטע: „אַזוי ווי צווישן עולם זענען פאַראַן פיל מענטשן, וועלכע האָבן די העברעישע רעדע וועגן מענדעלען נישט פאַרשטאַנען, אפשר איז מעגלעך, אַז מען זאָל די רעדע איבערזעצן". נו, נו, מער האָט אים נישט געפעלט. ווי אַ באַנדע הישעריקן האָבן זיך די פאַרביסענע העברעאיסטן אויף אים געוואָרפן גרייט אים צו לינטשן און דערביי באַנוצט אַזעלכע באַליידיקנדיקע אויסדרוקן, אַז אפילו אַ צאַרישער קאָזאַק וואָלט זיך געשעמט אין אַזאַ מאָמענט אזעלכע ווערטער צו באַנוצן, אָבער איך בין נישט געוואָרן איבערראַשט פון זיי, בפרט, אַז זיי האָבן געקראָגן מוט פון פאָרזיצער אליין, וועלכער האָט דער ערשטער געגעבן דעם סיגנאַל און טאָן:

„זעצט אייך אַוועק, מען פרעגט נישט ביי אייך קיין דעות, וועמען עס געפעלט נישט, קען אַוועקגיין!" אָט אַזאַ „דזשענטלמעניש" ענטפער פאַר אַן אומשולדיקער ביטע, פאַרשטאַרקנדיק נאָך מער דעם טומל. מען מוז באַוואונדערן די דרייסטקייט פונעם פאָרזיצער,

איצט אָנערקענט שוין ה׳ שער, אַז ער האָט נישט גוט געהאַנדלט, ווייל ער האָט פּשוט נישט געהערט צוליבן גרויסן טומל, וואָס איך האָב געזאָגט. איר פאַרשטייט! מען גיט זיך אפילו נישט די מי אויסצוהערן אַ קליינע ביטע פון פּובליקום, נאָר מען ענטפערט: „וועמען עס געפעלט נישט, קען אַוועקגיין".

עס דערמאָנט זיך מיר די געשיכטע פון יענעם קליינשטעטלדיקן גאָראָדאָוואָי, ווען ער האָט געהערט אַ געשפּרעך צווישן צוויי אַרבעטער, ווי איינער זאָגט דאָס וואָרט אידיאָט, איז ער צוגעשפּרונגען צו אים: „וואָס

סענדער בורשטין

# פון מיינע זכרונות

אין די קאָמפּאַקטע יידישע ישובים האָט זיך ראַשיק אַנטוויקלט די יידישע קולטור, אין אַלע אירע אויסשפּראָ־צונגען. צוזאַמען מיט דעם האָט זיך אויך פאַרשאַרפט דער שפּראַכן־קאַמף צווישן יידיש און העברעיש.

טייל מאָל איז דער קאַמף געווען די צעשייד־ליניע צווישן פּאָליטישע גרופּירונגען, ווייל דער שפּראַכן־קאַמף איז אויך געווען אַ פאַרמעסט פאַר פּאָליטישע צילן.

ווייט פון אָט די שפּעריישע צענטערס, האָט דאָס יידישע קולטור־לעבן אין מעלבורן זיך באַוועגט מיט לאַנג־זאַמע טריט, אָן זיך צו שטעלן גרויסע אויפגאַבן און אָן דער פּערספּעקטיוו פאַר העכערע צילן.

מיר האָבן זיך גענערט פון דעם קולטור־באַגאַזש, וואָס יעדער פון אונדז האָט מעטגעבראַכט און איז בכוח געווען צו טיילן עס מיט אַנדערע.

דאָס קולטור־לעבן איז געווען נישט מער ווי אַן עכאָ פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אויף יענעם זייט אָקעאַן.

עס האָט אָבער אויך פּאַסירט, אַז אָן קיין שום ספּע־ציעלער כוונה, אָדער צוגרייטונג — גאַנץ צופעליק האָט דער עכאָ אין אונדזער וועלטל אָנגענומען די געשטאַלט פון אַ שטורעם, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזן צו זיין א שטור־רעם — אין אַ גלאָז וואַסער.

★

ווי דאָס רוב געזעלשאַפטלעכע ווידעראַנאַנדן, האָט זיך אויך דער פאַל אָנגעהויבן אין „קדימה", און זיך שפּעטער איבערגעטראָגן אויף די שפּאַלטן פון דער יידישער וואָכן־צייטונג: „די אויסטראַלישע יידישע נייעס", ווו דער ענין איז ברייט דיסקוטירט געוואָרן.

4 „די אויסטראַלישע יידישע נייעס" Friday, March 27th., 1936.

ס. בורשטיין

## וועגן א אינצידענט, וואס איז באַלערענד

איך בין שוין צוגעווינט צום אינהאַלט פון די סקאַרבאָווע באַריכטן פון די פאַרשידענע מעלבורנער געזעלשאַפטן, וואָס דרוקן זיך וואָך־וועכליך אין דער יידישער צייטונג. שטענדיק וועט איר געפינען דאָס זעלבע, אַז אַלץ איז אַדורך מיטן בעסטען און גרעסטן ערפאָלג. קיין שום וואָרט פון קריטיק, אַז עפּעס האָט נישט געקלאַפּט, אַז עס עפּעס האָט אונטערגעהונקען, וועט איר אין די אָפּי־ציעלע באַריכטן קיינמאָל נישט געפינען. און דאָס איז נישט קיין וונדע... דער פאַר־אינטע... ...זער

אַנטוואָרטליך. און דאָס איז דער ערשטער פאַל, זייט איך קען די קדימה פאַר די לעצטע זיבן יאָר, אַז זי זאָל פייערן אַ יובילײ, אָדער טרויערן אַ יאָרצייט פון אַ יידישן שרייבער מיט העברעאישע רעדעס. אפשר איז דאָס אַ נייע אָריענטאַציע ... אָבער דער עולם ... דיפּלאָמאַטיע ... עס איז נאָך ... צויגנקייט, ניי... סע איז אומבר... ...

ווייל אויב מען וואָלט טאַקע גענומע... זיינע ווערטער, וואָלט ער דאָך געב... לײדיקע שטולן, ווייל די גאַנצע „קדי... איין גרויסע נישט צופרידנקייט. די... פון פּרעזעס קען מען נאָר פאַרגלײ... אויפפירונג פון אַ פּריץ ביי זיך... וואָרק, אָדער ווי אַן אמתער בעל ט... מענדעלעס צייטן. סאיז נאָך ווייניק צ... „טשין" פּרעזידענט, מען דאַרף פאַר... געהעריקע מאָס טאַקט צו קענען ב... אַזאַ פאַרזאַמלונג און קיינעם נישט... לײדיקן, אפילו אַ קעגנער, בפרט... איז נישט געקומען שטערן די פיי... נאָר אײ... ...

איך בין שוין צוגעווינט צום אינהאַלט פון די סקאַר־באָווע באַריכטן פון די פאַרשידענע מעלבורנער געזעל־שאַפטן, וואָס דרוקן זיך וואָך־וועכנטלעך אין דער יידישער צייטונג. שטענדיק וועט איר געפינען דאָס זעלבע, אַז אַלץ איז אַדורך מיטן בעסטן און גרעסטן דערפאָלג. קיין שום וואָרט פון קריטיק, אַז עפּעס האָט נישט געקלאַפּט, אַז עפּעס האָט אונטערגעהונקען, וועט איר אין די אָפּיציעלע באַריכטן קיינמאָל נישט געפינען. און דאָס איז נישט קיין וווּנדער, ווייל דער פאַראינטערעסירטער צד וואָס גיט די דאָזיקע באַריכטן צום דרוקן, וועט דאָך אליין נישט שרייבן וועגן זיך שלעכטס... ווי לאַנג די זאַך איז נוגע די אייגענע מיטגלידער פון דער געגעבענער געזעלשאַפט, זאָל זיי דאָס באַרימען זיך ווייל באַקומען, אָבער יעדע זאַך האָט אַ גרענעץ. עס געשעען פאַלן, וואָס אַ געוויסע טעטיקייט פון אַן אָרגאַניזאַציע גייט אַרויס אויסער אירע ראַמען און עס ווערט מער אַ געזעלשאַפטלעכער ענין. דעמאָלט דאַרף מען טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט שוין נישט בלויז פאַר די אייגענע מיטגלידער, נאָר פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט. ס'איז אַ פאַרברעכן צוליב סאָציאַלער היגיענע אויב מען וויל געוויסע דעפעקטן פאַרדעקן מיט מליצה־ווערטער.

זאָלן מיר רעדן קאָנקרעטער. איך מיין דאָ דעם אינ־צידענט בעת דער העברעישער רעדע אויף דעם „מענ־דעלע"־אָוונט אין „קדימה". אין באַריכט, וואָס איז געווען געדרוקט אין פאַרגאַנגענעם נומער וועט איר וועגן דעם קיין וואָרט נישט געפינען. און ס'איז פאַרדריסלעך, אויב מען האָט געקאָנט אַזויפיל טינט פאַרגיסן און פאַפּיר אויס־נוצן צוליב אַ פּשוטן מאַסקן־באַל, האָט מען נאָך געמעגט ווידמען אייניקע זאַצן דאָס פאַרגעקומענע. ווען מען וועט פרעגן איינעם אין פינף און צוואַנציק יאָר אַרום, וועלכער האָט געהאַט בייגעוווינט די מענדעלע־אַקאַדעמיע אין „קדימה", וואָס געדענקט ער וועגן יענער היסטאָרישער דאַטע, בין איך זיכער, אַז קיין איין זאַץ פון די אַלע

יאָרן פון פחדים,
פון נישט געלאָשענע חשדים,
מעלות,
מינכען וואָס שרייט צו גאָט,
יום־כיפור פאַרשוועכטער
זשומען אין געפליסטער רויען:
— היט דאָס וואָפן —
קיינמאָל מער דעם שונא טרויען,
קיינמאָל מער אויף שלום האָפן.

---

איך האָב געזען אים קומען,
כ׳האָב געזען פנימער פון דערוואַקסענע
מיט חידוש צעשמייכלטע,
וואָס האָבן דעם נס נישט באַנומען.
כ׳האָב געזען קינדערלעך מיט בעקעלעך פאַרייטלטע
פאַכען מיט ישראל פענדלעך —
איך האָב געזען אין די גלויביקע אייגעלעך
פרייד און געלעכטער
ווי פינקלדיקע שטערנלעך.

זיי געדולדיק און קלוג, מיין ברודער.
פרוּוו דעם עבר צו פאַרגעסן,
אָן אים צו פאַרגעסן.
בכדי צו לעבן — דאַרף מען גלויבן
און פון אַ חלום שאַפן די וואָר.
לעבן איז גלויבן —
ברעך די ווענט די הויכע
ווי טויזנט יאָר.
בכדי צו לעבן — מוז מען גלויבן,
טראַכטן, ווירקן, וועקן
און קיינמאָל מער,
קיינמאָל מער קוקן אויף צוריק אין שרעק.

פרעגטס, מיין ברודער, וועלכער וועג צו דער צוקונפט,
פירט ?
זי געפינט זיך אין אונדזער ווילן,
זי איז אין דיר
און אין מיר.

נעכטן האָבן מיר פאַר שלום געטאָן תפילה —
און דאָס געבעט
איז פאַרמינערט געוואָרן צוליבן קאַרגן בטחון, —
ווייט אין אָרט, ווייט אין צייט,
אויף קומענדע דורות אפילו
פון ממשות אויסגעטאָן.

---

אַלץ איז געשען ווי געשען ס׳איז שוין פריער —
אין לייק־סוקסעס,
אין תל־אביב מוזעאום,
ביים לייבן־טויער;
און איצט, דער טרוים דער גרעסטער פון אַלע פריער׳ס
איז שוין פאַרשריבן אין די געשיכטע־אננאַלן;
ער בלויט אין טויזנט צייטונגס־ביולעטינען,
אין טויזנטער טעלעוויזיע־קאַנאַלן,
און זשורנאַליסטן אַנאַליזן —
אַ פאַרכאַפנדיקער באַגינען.

---

ס׳איז געשען ווי אַ מאָל שוין פריער.
פאַרוואָס הויבסטו נישט דעם בעכער, מיין פריינד ?
פאַרוואָס וויינסטו,
פאַרוואָס דווקא היינט
ווען געקומען איז די צייט פאַר פרייד ?

---

געטונקלט האָט דער הימל אין טיפן, טיפן בלוי
און דאַן,
כמעט צו פאַמעלעך צייטלעך צו דערכאַפן
האָבן געביטן זיך די קאָלירן.
ליכט האָט געגומען העלן אינעם גרוי,
און מען האָט געקענט שוין שפירן
פון דער זון דאָס קומען,
כאָטש זי איז נאָך נישט געהאַט אָנגעקומען.
און ווען נאַכט וואָלן זענען אַנטרונען
און טאָג־ליכט האָט אַ פלייץ געטאָן מיט בליענדיקער
פּראַכט,
האָסטו ווי נישט איז באַנומען:
פאַרגאַנגען איז סוף־כל־סוף די נאַכט.
וואָס וועט דער מאָרגן ברענגען ?
מיר קענען אַנען נאָר,
יאָ, און ווידער האָפן.
אַנדערש קענען מיר נישט. מיר ברויכן
ווידער די לענדן אונטערגאַרטלען
פאַר טירחהדיקע יאָרן
מיט שוויס פולע און מיט ביטערע האָרעוואַניע;
מיט דורכפאַלן, דערפאָלגן
און אויך פאַרדרוסן,
מיט מחשבות ווייטיקדיקע
אין הסכם מיט מוטיקע באַשלוסן.

---

עס קומט אַ טאָג אַ פאַרכמאַרעטער
מיט שטורעמס, מיט צווייפלען און יסורים,
אָבער דער טאָג איז אונדזערער —
דער טאָג פון לעבן,
דער טאָג פון שלום.

נאָוועמבער 1977
Australia Israel Review

יידיש: י. מ. לעווין

ניי־געריקע קוקן אויף דעם נישט־פאַרענדיקטן וואָלקנ־קראַצער און ציען מיט די אַקסל. דער מאַנסטער־בנין, קוקט אריבער צום פּלאַץ ווו עס שטייט דער „פּאַלאַץ קולטורי", דער בנין וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דורך מאָסקווע — א מתנה צום פוילישן פאָלק.

און ווען דער נייער וואָלקנקראַצער וועט פאַרטיק ווערן, וועט ער מיט זיין הויך פאַרשאָטענען דעם „פּאַלאַץ קולטורי".

און וואָס טראַכטן יידן וועגן אָט דער געביידע? און דווקא א ייד, אַ געוועזענער פּאַרטיי־חבר, און היכער מיליטערמאַן האָט אומצווייידייטיק אויסגעדריקט זיין עמ־פּערונג ווען ער האָט מיר געזאָגט: דאָס בויען דעם וואָלקנקראַצער דאָ, ווו עס איז אַמאָל געשטאַנען די טלאָ־מאַצקע סינאַגאָגע, איז נישט בלויז פּאַראַדאָקסיק און באַ־ליידיקנדיק צום אָנדענק פון די אומגעקומענע יידן... עס איז אַ חילול הקודש!...

✶

לאָמיר פאַרענדיקן אונדזערע רעפלעקסן אויף אַן אַנדערע נאָטע: דאָס איז אַן איבנאויפיקער בליק אויף די אַמאָליקע יידישן גאַסן אין וואַרשע, וואָס אַ וואַרשעווער געבוירענער ייד וועט זיי נישט דערקענען.

די שטאָט איז צוריק אויפגעבויט געוואָרן גלייך נאָך דער מלחמה אין גרויס איילעניש און אייפעריקן טעמפּאָ. אזוי זענען כאַאָטיש אויפגעבויט געוואָרן די הייזער, היכע וווינונגס־בלאָקן, אָן טויערן־אַריינגאַנג אין פראָנט. פיל גאַסן זענען נישט גלייכמאָסיק פּלאַנירט אָדער סימעט־ריש געשטעלט, ממש צעוואָרפן, און צווישן איין הויז און דעם אַנדערן האָט איר סקווערן. איר גייט איבער די שפּורן פון דעם, וואָס מ'קאָן אָנרופן דאָס אַמאָליקע יידישע וואַרשע. און ס'האַרץ ווערט אייך פאַרקלעמט.

אָט האָט איר טוואַרדע, דזשיקע, סמאָטשע, גענשע, נאַלעווקי, גזשיבאָווסקע, פּלאַץ גזשיבאָווסקי, נאָוואָליפּיע און די שכנותדיקע גאַסן.

דאָס איז געווען דאָס האַרץ, דער פּולס פון יידישן וואַר־שע, וואָס האָט געלעבט און געאָטעמט מיט כולו יידיש־קייט. איבער דריי הונדערט־טויזנט יידן האָבן דאָ אַמאָל געוווינט. דאָס איז געווען דער לעבנס־נערוו פון פוילישן יידנטום.

נישטאָ מער קיין סימן וועגן זיי, וועגן דעם אַמאָל. די נעמען פון די גאַסן זענען פאַרבליב.ן בלויז די נעמען פון די גאַסן, אָבער דאָס זענען אַנדערע גאַסן, אַנדערע מויערן, אַנדערע איינוווינער...

אויף די חורבות פון אַמאָליקן יידישן וואַרשע האָט מען אויפגעשטעלט נייע גאַסן מיט ריזיק־באַגלאָזטע הייזער־בלאָקן.

און אין געמיט פלאַטערט אַ שוואַרצער שאָטן. עס עק־בערט די קשיא: צי האָט דער גרויסער פוילישער שריי־בער און וויזיאָנער פון אַן אומאָפּהענגיק פוילן, סטעפאַן זשעראָמסקי, אין זיין בוך „ערב־פרילינג" אזוי געזען אין זיין וויזיע אַ ניי פוילן מיט גלעזערנע הייזער?!

צי האָט ער, אין יענע ווייטע יאָרן אין געראַנגל פון פוילנס ווידערגעבורט אזוי געזען וועט וואַרשע אויסזען?! וואַרשעווער גאַסן געבויט אויף די חורבות און קברים פון אַמאָליקן יידישן לעבן?

וואַרשע, ווו יעדער שטיין אויף די אַמאָליקע אַלטע גאַסן, רופט זיך איבער מיט אונדזער נעכטן, מיט די קלאַנ־גען פון אונדזער נעכטן. און אַ פאַרפרוירענער, טרויעריי־קער עכאָ ענטפערט אייך:

נישטאָ מער קיין יידן! זיי זענען פאַרשוווּנדן מיטן נעכטן!

ג. שאַיאַק

יהודה סבוראי

# נאָכן טראַנס

די דאָזיקע שורות — שרייבט **יהודה סבוראי** אין זיין פאָרוואָרט צו דער פּאָעמע — זענען געוויד־מעט די צוויי מענטשן, וועלכע איך שעם זיך ניט צו באַטראַכטן ווי גרויסע, מוטיקע מלוכה־מענער, אין אַ צייט פון קליינלעכער וועלט־פּאָליטיק.

זיי זענען גרויס דערפאַר, ווייל זיי האָבן געפונען די פּאָליטישע פאָרם אויסצודריקן דאָס, וואָס ניין־און־ניינציק פּראָצענט ישראלים און עגיפּטער פילן און ווינטשן זיך:

לעבן צוזאַמען אין שלום. צו לעבן צוזאַמען. צו לעבן.

דו פרעגסט מיך, ברודער, ווו איז צום מאָרגן דער וועג,
די פון רייסיקע באַמבעס רייסיקער קוויטש
און טויבער געבראַזג פון טאַנקען־געיעג, —
זענען שוין זכרונות פון פאַרגאַנגענע טעג ?

דו פרעגטס מיך :
— וועט דויערן דער חלום ?
אָדער מיר וועלן זיך ווידער אויפוועקן
און דערזען :
ווי שוים איז צערונען דער טרוים,
צעריסן מיט פּיין און טרערן
ווי טויטלעכע שרעקן.

טראַכט וועגן זיי,
די אין שוץ־טראַנשייען,
ווען אומגעריכטער פייערקוואַל
האָט זיי פאַרכאַפּט ביים קאַנאַל
באַרוועסע,
שמייכלנדיקע, גליקלעכע —
מיט צופיל שטאָלץ, מיט האָפענונג און מוט,
מיט צופיל טויט און אַ ים פון בלוט.

דערפאַרונגען,
זיס־ביטערער טעם פון אַנטוישונגען,
יאוש פון געדעכטן,



ג. שאַיאַק ביים וואַרשעווער געטאָ־דענקמאָל

און דער עיקר, אָט די אַראַבער, זענען אָנגעשטעלטע פון נאַפט־קאָנצערנס, אָדער האַנדלס־פּלאַצווּקעס, דורך וועלכע עס קומען אריין אין לאַנד ציטרוס־פּרוכטן.

ווי געזאָגט, דערקענט מען נישט קיין ייד אויף די וואַרשעווער גאַסן, א ביסל אַנדערש איז עס שוין אין לאָדזש, ווּ מיר האָבן זייער קורץ געווײלט. דאָ דער־קענט מען שוין אַ דורכגייער לויט זיין לשון, לויט זיינע הוויות און זיין נאַטירלעכן גאַנג.

דער ייד אין וואַרשע אָדער אין דער גרויסער פּראָווינץ, ווּ אים קומט אויס צו לעבן האָט אַדאָפּטירט דעם קאָלאָ־ריט פון זיין סביבה. ער קליידט זיך ווי זיין שכן, רעדט ווי זיין שכן, איז זיך נוהג ווי זיין שכן, און אזוי איז זיין גאַנצער לעבנשטייגער. דער ייד איז איינער פון דער אַלגע־מיינער מאַסע. ער איז אריינגעוואָקסן אין דער נייער סביבה, אזוי אויך זיינע קינדער...

און דאָ לאָזט זיך לייכט פאַראַפראַזירן משה מענדעל־סאָנס זאָג: „זיי א ייד אין דער היים, און אַ מענטש אין גאַס". לגבי דעם פּוילישן ייד קאָן מען גריילעך בלויז זאָגן: ער איז נישט קיין ייד אין שטוב, ווי בכלל יידן, וואָס לעבן אין מזרח־אייראָפּע, זענען אָפּגעריסן פון זייער שטאַם. אָפּגעריסן פון דער יידישער קולטור און פון לעבע־דיקן קוואַל פון יידישקייט. דער לעבנס־אינסטינקט זאָגט זיי אונטער, אַז די אַנוסימדיקייט וועט זיי אפשר העלפן אויסדויערן און לעבן בלייבן...

אָבער ביי איינצלנע, מיט וועלכע איך קומט אין פּער־זענלעכן קאָנטאַקט, ביי די יעניקע, ביי וועמען עס טליעט נאָך טיף אין האַרצן דאָס פּינטעלע ייד, זיי ווייזן ארויס גרויס אינטערעס צום יידישן לעבן אין דער דרויסנדיקער וועלט. און נישט וויניקער לגבי מדינת־ישראל. א גרוי־סער טייל פון זיי האָט זיך אויסגעלערנט די ענגלישע שפּראַך, און דאָס העלפט זיי צו קאָנען נאָכפאָלגן די נייעס פון ב.ב.סי. פון לאָנדאָן און שעפּן זייערע ידיעות וועגן די געשעענישן אין ישראל און אין דער פרייער וועלט. און ווען די נייעס פון ישראל זענען גינסטיקע, זענען זייערע הערצער אָנגעפילט מיט לייטזעליקייט און זיי ווייזן אָפן ארויס זייער צופרידנקייט.

✶

נאָך איין טראַמוויי־סטאָפּ פון פּלאַץ דזשערזשינסקעגאָ, אויף רעכטס, לענגאויס דער מאַרשאַלקאָווסקאַ, געפינט זיך דער סאַסקע גאָרטן, דער גאָרטן, וואָס איז אין די סאַנאַציע־יאָרן געווען די סצענע פון טרויעריקע אַנטי־יידישע העצעס.

אין זכרון שווימען אויף יענע בלוטיקע פּאַסירונגען, ווען יידן איז פאַרבאָטן געווען דאָרט זומער אַריינצוגיין זיך אָפּרוען און כאַפּן א ביסל פרישע לופט.

שפּאַצירנדיקע מיט יידישע פּנימער זענען דעמאָלט בלוטיק צעשלאָגן געוואָרן פאַרן וואַגן אריינגיין אין גאָרטן. ביים טויער זענען געשטאַנען די „פּריוויליקע שומרים" — די סטודענטן פון „בראַטניאַ פּאָמאָץ", און אַנדערע כולי־גאַנעס און זיי געהאָלפן שלאָגן די יידן. און די וויגעשרייען פון צעשפּאָלטענע יידישע קעפּ האָבן מוראדיק אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן לאַנד און אין אויסלאַנד.

היינט, שטייט דער גאָרטן א ניי־איבערגעפלאַנצטער. דער גאָרטן האָט נישט קיין פּאַרקן, פאַרצוימונגען און ממילא נישט קיין טויערן און קיין וועכטער.

שטייט איצט דער סאַסקע גאָרטן אין זיין פולן זומער־דיקן פּראַכט באַגאָסן מיט זונענשיין, ס'הערט זיך דאָ דאָס פרייע צווישטשען פון פייגל, אָבער וויניק דער אָפּקלאַנג פון מענטשלעכן לשון.

דער גרעסטער טייל בענק שטייט ליידיק אזוי ווי פאַר־יתומט... נישטאָ קיין שפּאַצירנדיקע, נישטאָ די אויסגע־מוטשעטע יידישע פּנימער, וואָס פלעגן אַהערקומען פון די ענגע וואַרשעווער וווינונגען שעפּן א ביסל פרישע לופט.

נישטאָ קיין פּאַרקן ארום סאַסקע גאָרטן... נישטאָ קיין שומרים אין נישט קיין יידן!

און לאָמיר אויף אַ רגע צוריקשפּאַנען צום פּלאַץ דזשערזשינסקעגאָ און פאַרקירעווען עטוואָס אויף רעכטס.

דאָ געפינט זיך די שיינע געביידע פון „יידישן היס־טאָרישן אינסטיטוט", אין פראָנט געהעריקע מעשענע טאָוולען אויך מיט יידישע אותיות.

אָבער נעבן דער געביידע, ווערט שוין קנאַפּע 15 יאָר געבויט אַ מאָנסטער־וואָלקנקראַצער, וואָס זיין קאָנסטרוק־ציע איז שוין דורכגעגאַנגען פיל גיגולים.

די אָריגינעלע פּלאַנירער פון דעם וואָלקנקראַצער האָבן נאָכנישט באַשלאָסן צו וואָס אייגנטלעך וועט די מאָנסטער־געביידע דינען, נייגעריקע פרוּוון טרעפן, אַז דאָס וועט זיין אַ צווייטער האַנדלס־צענטער פאַר אינטער־נאַציאָנאַלן האַנדל, אַ מין שוי־פענצטער צו דער וועלט, וואָס וועט טורעמען איבער דער שטאָט.

אויף דעם זעלבן פּלאַץ איז אַמאָל געשטאַנען די באַ־רימטע טלאָמאַצקע סינאַגאָגע.

כ׳האָב באַלייגט מיין אַנקלאַגע אין אַ ספּעציעלן אָפּטייל אויפן ערָאדראָם, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אָפּזוכן פאַרלוירענעם באַגאַזש. כ׳האָב אַ באַאַמטן, וואָס האָט אגב גערעדט אַ פּערפעקטן ענגליש, געגעבן דעם פּראָטאָקאָל, וואָס מ׳האָט צונויפגעשטעלט אין סאָפיא, און צוגעגעבן אייניקע פּרטים צו אידענטיפיצירן מיין באַגאַזש, אַנווייזנדיק, אַז ער איז אויפגעלאָדן געוואָרן אין לוד, אין ישראל.

ער האָט תיכף זיך גענומען עפּעס טאָן דעריין. גערופן אַ צווייטן באַאַמטן, אין ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן, אים פאַרדנט גלייך אָנקלינגען קיין אַטען און אליין, האָט ער אַרויסגעשיקט אַ טעלעקס קיין בולגאַריע. ער האָט גענומען מיין טעלעפאָן, ווו כ׳האָב געזאָלט איינשטיין בעת מיין אויפהאַלט אין וואַרשע. און צומאָרגנס צו מיין איבעראַשונג, האָט מען מיר אָנגעקלונגען און אינפאָרמירט, אַז דער באַגאַזש געפינט זיך שוין אויפן וועג קיין וואַרשע. און אָונט־צייט קאָן מען אים אָפּנעמען אויפן ערָאדראָם. מען דאַרף צוגעבן, אז דער באַגאַזש איז אָנגעקומען אומבאַשעדיקט.

כ׳בין אויך זייער העפלעך אויפגענומען געוואָרן אין וואַרשע ווי אין דער פּראָווינץ. כ׳האָב זיך פריי אומעטום באַוועגט. און ווען נויטיק, אגבדיק באַמערקט, אַז כ׳קום אין לאַנד, נאָך אַן אָפּוועזנהייט פון קנאַפּע 40 יאָר, און האָב אויפן וועג אהער, געוויילט א צייט אין מדינת־ישראל. די רעאַקציע ביי פּאָליאַקן איז געווען אַ געמיש פון נישטפאַרגינערישקייט, באַוווּנדערונג און אפשר א ביסל קנאה. און מ׳האָט זיך באַמיט צו מיר צו זיין נאָך העפלעכער.

מיין אַנטוישונג איז דערפאַר געקומען בעת מיין וואַנדערן איבער די וואַרשעווער גאַסן. דאָס זעלבע פון אַ גאָר אַנדערן קוקווינקל אין די קליינע שטעטלעך, ווו מיר איז אויסגעקומען קורץ צו וויילן.

איר זוכט מיט די אויגן יידן, אָבער איר זעט זיי נישט, אָדער איר דערקענט לחלוטין נישט, אַז דאָס זענען יידן. אזוי, ווי ס׳וואָלטן בכלל נישט געווען קיין יידן אין הייניטיקן פּוילן.

איר דערקענט זיי נישט אין שטוב, ממילא נישט אין גאַס, סיי לויט זייער הולך, זייער אויסזען און בכלל לויט זייער באַנעמונג. עס זענען פאַרווישט געוואָרן די טיפּישע יידישע כאַראַקטער־שטריכן און הוויות...

מיר, אין אויסלאַנד מאַכן קאַלקולאַציעס, שטעלן צענויף סטאַטיסטישע ציפערן, וועגן די צאָל יידן, וואָס געפינען זיך איצט אין פּוילן.

כ׳מיין, אַז די אַלע ציפערן שטימען נישט מיט דערווירקלעכקייט. צ. ב. וואַרשע האָט היינט אַ באַפעלקערונג פון 1.300.000 איינוווינער. אָבער קיינער פון די פאַראַנטוואָרטלעכע יידישע טוער, אָדער אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, אָדער יידישע צייטונג, האָט געקאָנט אָנגעבן די גענויע צאָל יידן, וואָס ווינען אין וואַרשע און בכלל אין לאַנד.

און דאָס צוליב פיל טעמים. יידן זענען נישט רעגיסטרירט ווי יידן, און אויב איינער טראָגט שוין אַ דייטשקלינגענדיקן פאַמיליע־נאָמען, איז זיין ערשטער נאָמען אַ טיפּיש פּוילישער.

אָט, די דאָזיקע אנוסים, לאָזן זיך בכלל נישט דערקענען אָדער ווילן נישט, אַז עמיץ זאָל וויסן וועגן זייער אמתן אָפּשטאַם.

די ווירקלעכקייט שווימט דערפאַר ארויס ביי צופעליקע אומשטענדן, ווען זיי קאָנען דאָס נישט פאַרלייקענען, און דאָס, ווען ס׳קומט צו אַ פּערזענלעכער קאָנפראָנטאַציע.

די ברייטע טראָטואַרן זענען געדיכט מיט שפּאַצירנדיקע. איר זעט עלעגאַנט־געקליידעטע מענטשן, עלעגאַנטע פריזיר־אַנשטאַלטן פאַר פרויען און מענער, גרויסאַרטיקדעקאָרירטע שוי־פענצטער, בוכהאַנדלונגען, איבערפולט מיט קונים. אויסערלעך איז אַלץ גלאַנץ און עלעגאַנט. אָבער הינטער דעם פאַסאַד פון עלעגאַנץ, זענען פאַרטייעט גזרות־המלכות, וואָס אַ טוריסט וועט נישט באַמערקן, אויסער, ער וועט מאַכן אַ פּרווו עס אויסצוגעפינען.

איר זיצט אין טראַמוויי אָדער אויטאָבוס און אקעגן אייך האָט איר א שכן אָדער שכנטע. איר זוכט אין זייערע געזיכט־שטריכן עפּעס וואָס זאָל אָנדייטן אויף זייער יידישן אָפּשטאַם. אָבער איר קאָנט א טעות האָבן, ווי זיכער איר זאָלט נישט זיין, אַז דער שכן איז פון יידישן אָפּשטאַם. איר קומט אין די טרויעריקע בלאָנדזשענדיקע אויגן, וואָס דריקן אויס בענקשאַפט, עסן זיך איין אויף אַן אויגנבליק אין אייער פּנים, און זוכן עפּעס ארום זיך, אָבער באַלד דרייט מען אויס דעם בליק; מען וויל זיך אויסבאַהאַלטן.

✶

אין געזעמל פון די פאַרבייגער איבער די גאַסן, זעט איר צווישן די עלעגאַנט־געקליידעטע, און מאַסן יוגנטלעכע, אויך מיליטערלייט, דאָס זענען דער רוב הויכע אָפיצירן. און צווישן די דורכגייער וואַרפן זיך אין די אויגן גלחים און קלויסטער־מאָנאַשקעס אין זייער טראַדיציאָנעלער הלבשה. מיט זייער הלבשה האָט זיך גאָרנישט געענדערט. אַלץ איז אזוי ווי נעכטן...

אייך קומען אַקעגן גרופּעס טוריסטן. זייער באַנעמונג איז אויסערלעכע זאָרגלאָזיקייט. איר דערקענט זיי פון ווי ווייט לויט זייער קליידונג און פרייען באַנעמען זיך. איר הערט רעדן רוסיש, טשעכיש, נאָרוועגיש, האָלענדיש און פראַנצויזיש. אָבער אַממייסטן וואַרפן זיך אין די אויגן די טונקלהויטיקע אַראַבער, זיי קומען פון פאַרשידענע לענדער אין מיטעלן מזרח אָדער צפון־אַפריקע. איר דערקענט זיי לויט זייער הולך, איר הערט זייער גאָרגלדיקן לשון, וואָס קלינגט הויך און פריי איבער די וואַרשעווער גאַסן. איר טרעפט זיי אין די עלעגאַנטע האָטעלן ווו זיי שטייען איין, אין די פלי־געזעלשאַפטן, אין די גרויסע האַנדלס־הייזער, ווו זיי קויפן איין אָן א שיעור סחורות. זיי רעדן הויך און פאַרשיידט, און פיל פון זיי מאַכן זייערע איינקויפן מיט די הענט־צייכנס... זשעסטיקולירן.

שווער צו זאָגן, וואָס פּאָליאַקן טראַכטן וועגן די געסט. זיי זענען געסט און מ׳דאַרף זיך העפלעך באַציען צו זיי, ווייל זיי ברענגען אריין א סך האַרטע וואַלוטע.

אונדזערע יידישע קולטור־אוצרות אין בײדע שפּראַכן — יידיש און ענגליש, און אַזוי אַרום וועט זיך פאַרשטאַרקן דער אינטערעס און דער פאַרלאַנג ביי יונגע יידן זיך צו אידענטיפיצירן מיט די קולטור־אוצרות פון זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס.

די „קדימה"־טוער מוזן אָנהויבן צו טראַכטן און מאַכן די געהעריקע אויספירן, אַז יידיש לעבן אין אויסטראַליע — (מעלבורן אריינגערעכט) — איז צוויי־שפּראַכיק און דער דאָזיקער חצי־יידיש און חצי־ענגליש אין אונדזערע אַלע קולטור־אַקטיוויטעטן, קען און וועט ברענגען די געהעריקע גאַנצקייט און המשכדיקייט פאַר אונדזער יידישן פאָלקס־קיום.

די דאָזיקע אויפגאַבן, וואָס איך לייג פאַר זענען נישט קיין אוטאָפּיע. איך שאַץ אָפּ די שוועריקייטן פון וועלן אריינציען אונדזערע אויפגעוואַכטע און פאַראינטערעסירטע יוגנט־טוער אין די אַקטיוויטעטן פון „קדימה", פּונקט אַזוי ווי איך שאַץ נישט אונטער די אַפּאַטיע פון אונדזערע יוגנט־טוער צו יעטוועדער יידיש געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אָבער דער יוצא מן הכלל דאַרף זיין:

אַז פּונקט אַזוי ווי נעגאַציע פון דער יידישער שפּראַך, דאָס אָפּפרעמדן זיך פון אונדזער אַלטער און רייכער יידישער קולטור האָט דערפירט — סיי אין אַנדערע יידישע ישובים און סיי אינעם היגן יידישן ישוב — צו נאַציאָנאַלע אַסימילאַציע, אַזוי אויך דאַרפן מיר געדענקן, אַז אונדזער נעגאַציע צו דער לאַנד־שפּראַך אין אונדזערע קולטור־אַקטיוויטעטן, אונדזער איינשטעלונג „רק יידיש" קען ברענגען נעגאַציע צו דעם לשון הקודשים יידיש און במילא וועט אויך די באַהעפטונג און באַקענונג מיט דער יידישער קולטור געמינערט ווערן.

די „קדימה"־וואַלן אין דעם יאָר 1978 דאַרפן זיין אין הסכם מיט דערווירקלעכקייט און נישט אין קאָנפליקט מיט איר. וואָס שטאַרקער מיר וועלן אַקטיוויזירן אין אונדזער קולטור־אַרבעט יינגערע כוחות אין יידיש און אין ענגליש, אַלץ רייכער און פילפאַרביקער וועט זיין אונדזער קולטור־טעטיקייט און אַלץ גרעסער וועט זיך שטאַרקן דער ווידערשטאַנד קעגן דער נייער וואַקסנדיקער אוניווערסאַלער אַסימילאַציע, וואָס קען נישט בלויז פאַרכאַפּן אונדזער קאָלעקטיווע יידיש היים — נאָר אויך אונדזערע אינדיווידועלע יידישע משפחה הײמען.

י. אַרבאַך

ג. שאַיאַק

# אַ שפּאַציר איבער וואַרשעווער גאַסן

(רעפּלעקסן)

קיין וואַרשע בין איך אָנגעקומען איבער אַטען און סאָפיאַ (בולגאַריע), ווייל קיין דירעקטע פלי־פאַרבינדונג מיט תל־אביב איז נישט פאַראַן. און דער ערשטער איינדרוק ביים אָנקומען אויפן וואַרשעווער עראָדראָם איז אַ געפיל פון אַנטשפּאַנונג, נאָך די רעפּרימירנדיקע און פריקרע איינדרוקן פון בולגאַריע.

דער עראָדראָם געפינט זיך אין אָקענטשע. און די יעניקע, וואָס קענען די אָרטשאַפט פון פאַר דער מלחמה וועלן די געגנט נישט דערקענען. ס'איז דאָ פאָרגעקומען אַ גרויסע טראַנספאָרמאַציע, וואָס פּאַסט זיך אריין אין דעם פאַסאַד פון אַלגעמיינעם בילד ביים אָנקומען אין דער פּוילישער הויפּט־שטאָט. אין דער געגנט זענען אויסגעשטעלט שיינע וווין־בלאָקן, און דער שאָסיי, אַ באַבוימערטער פון בײדע זייטן איז גלאַטיק געפלאַסטערט, אַרום גערטנער און אַ שלווהדיקע רואיקייט הענגט אין דער לופטן.

אַזאַ פּאַסטאָראַל בילד באַגריסט די טויזנטער טוריסטן, דאָס רוב פּאַליאַקן וואָס קומען פון אויסלאַנד אויף באַזוך אין זייער היימלאַנד.

די טוריסטיק קיין פּוילן איז גאָר אַ גרויסע. דאָס זעט זיך גלייך אויפן עראָדראָם. איר הערט דאָ פיל פרעמדע לשונות: סלאַווישע, דייטשע און צומייסטנס ענגליש. איר דערקענט זיי לויט זייער הילוך און אויפגעהייטערטקייט, די ענגליש־רעדנדיקע פּאָליאַקן, וואָס קומען פון אמעריקע און אַנדערע לענדער, זיי קומען שטילן זייער בענקשאַפט צום היימלאַנד און זיך ווידער באַהעפטן מיט זייערע קרובים.

זייערע פּנימער זענען צעשטראַלטע. זיי זענען אויפגעהייטערט און זייערע פּנימער דריקן אויס שפּאַנונג, ס'איז אַ געפיל פון דערוואַרטונג זיך ווידער צו טרעפן מיט זייערע נאָענטע משפחות.

אַ ייד אָבער, וואָס קומט דאָ אַהער פון ווייטע מקומות, אַ ייד פון אונדזער שניט, אַ פּויליש־געבוירענער, איז באַהערשט מיט אַן אַנדער געפיל.

ס'איז אַ געפיל פון איינזאַמקייט, אַ געפיל פון צער און דערדריקונג, וואָס לאָזט זיך נישט דערגרונטעווען... ס'איז אַ געפיל פון לויטער פאַריתומטקייט!...

ער ווייסט, אַז וועט דאָ נישט געפינען קיין קרובים, קיין נאָענטע פריינד אָדער שפּורן פון זיין אַמאָליקע היים, וואָס איז פאַרווישט געוואָרן אין גרויסן שטורעם... פאַרווישט און אויסגעוואָרצלט געוואָרן אין די פייער פון גרויסן חורבן...

די פּוילישע צאָל־באַאַמטע זענען דווקא העפלעך. דאָס איז א סגולה פאַר אַ גרויסע טוריסטיק. איר ווערט דורך קיינעם נישט באַלעסטיקט און מ'באַמיט זיך אייך העלפן, ווי ווייט מעגלעך מיט אייערע פּערזענלעכע פּראָבלעמען.

אין דעם האָב איך זיך איבערצייגט מיט אַ ספּעציפישער געשעעניש. כ'האָב פאַרלוירן מיין באַגאַזש אויפן וועג צווישן תל־אביב — אַטען־סאָפיאַ און וואַרשע.

אָפּגערופן אויף דער מיטל־קלאַס אינדוסטרי און האַנדל — ווו דער יידישער סעקטאָר איז שטאַרק פאַרטראָטן.

עס איז פאַרויסצוזען — לויט פעסטשטעלונגען פון באַקאַנטע עקאָנאָמיסטן -- אַז אין יאָר 1978, וועלן די די דאָזיקע פּאַראַיאָריקע טרייסלונגען ברענגען גרעסערע אומזיכערקייט, און אומצוטרוי... די לעצטע סטאַטיסטישע באַריכטן גיבן איבער, אַז איבער 445.300 אַרבעטס־מענטשן — פרויען און מענער — האָבן נישט קיין באַשעפטיקונג. אַ סך אַרבעטסלאָזע האָבן שוין פאַרלוירן זייערע האָפנונגען צו קריגן וועלכע נישט איז אַרבעט און זיך שוין צוגעוווינט צו דערהאַלטן זייער מאָגער, אָרימאַנסקע לעבן מיט דער „דאָלע"... דער יקרות אויף מיטלען פון ערשטן געברויך וואַקסט נאָך אַלץ און די צאָל פאַרברעכנס פאַרגרעסערן זיך. דאָס ברענגט אויך אריין א כאַאָס אין אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן לעבן.

צי קען און וועט די פרייזער־רעגירונג — מיט איר גרויסער פאַרלאַמענטאַרישער מערהייט — עפּעס אויפטאָן בכדי די לאַגע צו פאַרבעסערן? צי וועט די ליבעראַלע רעגירונג מיט איר „נייעם" שפּאָרזאַמקייט־פּראָגראַם עפּעס קענען העלפן דער איצטיקער שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע? צי וועט פּרעמיער־מיניסטער פרייזער מיט זיינע בעלי־יועצים דורך די פאַרשיידענע סטימול־מיטלען אין דער אויסטראַלישער עקאָנאָמיע קענען פאַרגרעסערן דעם וווקס פון דער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע, וואָס פאַרקלענערט זיך פון טאָג צו טאָג? און די הויפּט־פראַגע: צי וועט די איצטיקע רעגירונג קענען פאַרקלענערן די וואַקסנדיקע אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס איז געוואָרן איינע פון די הויפּט־מכות אויף דער אויסטראַלישער עקאָנאָמיע?

שווער צו ענטפערן אויף די אַלע אַקטועלע, אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען. איינס וואָס מען קען יאָ פעסטשטעלן איז: אויב די רעגירונגס־קרייזן וועלן ערנסט און אויפריכטיק אָננעמען דראַסטישע מיטלען בכדי צו געבן געוויסע געזונטע איינשפּריצונגען דער איצטיקער אָפּגעשוואַכטער אויסטראַלישער עקאָנאָמיע, איז גאַנץ מעגלעך, אַז די „רעסעסיע" פון 1977 וועט מן הסתמה זיך נישט פאַרגרעסערן, אָבער מען מען קען זיין הונדערט פּראָצענט זיכער, אַז דאָס יאָר 1978 וועט נישט ברענגען פאַר דער אויסטראַלישער עקאָנאָמיע קיין „פּראָספּעריטי". דאָס וועט זיך ווייטער אָפּרופן נישט גינסטיק פאַר דעם מיטל־קלאַס סעקטאָר, זיין אינדוסטרי און דעם האַנדל.

### „קדימה" פאַר די וואַלן

בדך כלל, וואָלט זיך דאָ אריינגעפּאַסט דאָס יידישע פאָלקס־וואָרט „פאָלג מיך אַ שפּרונג..." פון די אַלגעמיינע פאַרלאַמענט־וואַלן אין אויסטראַליע ביז... „קדימה"־וואַלן... אָבער ביידע פּראָבלעמען זענען אַ טייל פון אונדזער לעבן, און ביידע זענען וויכטיק לויט זייער פאַרנעם.

עס איז כאַראַקטעריסטיש: אויב די אויסטראַלישע עקאָנאָמיע האָט אין יאָר 1977 אַדורכגעמאַכט אַ „רעסעסיע", האָט „קדימה" אין מעלבורן דעם זעלבן יאָר אדורכגעמאַכט אַ יאָר פון „פּראָספּעריטי", אַ יאָר פון קולטור־טעטיקייט אויף די געביטן ווו די „קדימה" פירט אירע אַקטיוויטעטן: טעאַטער, קולטור־לעקציעס, אָפענע פאָרומס, וואָרט־קאָנצערטן, קונסט־ און ביכער־אויסשטעלונגען, קינסטלערישע און ליטעראַרישע יובל־פייערונגען, יידישע און העברעישע פילמען.

אינעם יאָר 1977 האָט די „קדימה" געגעבן דעם יידישן ישוב קולטור אין דער פולער מאָס — און בכדי דער דאָזיקער קולטור־שוווּנג זאָל נישט געמינערט ווערן, דאַרפן מיר צוגיין צו די „קדימה"־וואַלן, אין יאָר 1978 מיט גרויס אחריות און זיך טיפער אריינטראַכטן וועגן דער ראָל פון „קדימה" נישט בלויז אין יאָר 1978 נאָר אויך אויף ווייטער.

שוין אין די לעצטע יאָרן, און ספּעציעל אין יאָר 1977 האָט זיך באַמערקט אין א סך יידישע ישובים, אין מדינת־ישראל און אויך אין אונדזער היגן יידישן ישוב אַ געוויסער אינטערעס צו יידיש און יידישער קולטור. ביי אונדז אין מעלבורן האָט זיך דאָס שטאַרק ארויסגעוויזן מיט גרעסערע פאַראינטערעסירונגען צו די קולטור־געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען און קולטור־אַקטיוויטעטן פון „קדימה". די קולטור־טוער אין „קדימה" האָבן די דאָזיקע פאַראינטערעסירונג צו יידיש און יידישער קולטור מצד דעם יונגן דור און אויך דעם מיטליאָריקן דור, וועלכער האָט זיך געהאַט דערווייטערט פון יידישע קולטור־אַקטיוויטעטן — אויפגענומען מיט גרויס צופרידנקייט און זיך באַמיט אויסצוברייטערן די קולטור־טעטיקייט פון „קדימה" אויף מער געביטן בכדי דער זאַפּט פון יידיש און יידישער קולטור זאָל נישט אויסרינען פון היגן ישוב.

איז טאַקע געווען זייער פּאָזיטיוו — פאַר די אַקטיוויטעטן פון „קדימה" אין די לעצטע יאָרן און ספּעציעל אין דעם יאָר 1977 — דער אויפגעוואַכטער אינטערעס. צום יאָר 1978 דאַרפן זיך די קולטור־טוער פון „קדימה" אריינטראַכטן: וואָס ווייטער? וואָס וועט דער דאָזיקער „אינטערעס צו יידיש" ברענגען פאַר דעם יונגן דור, וואָס דאַרף איבערנעמען אונדזערע אַקטיוויטעטן אויף אַלע פאָלקס־געביטן? די קולטור־טוער פון „קדימה" דאַרפן זיך אריינטראַכטן צי איז דער דאָזיקער „אינטערעס" בלויז אַן איבערגאַנגס־פּראָצעס, ווי אַ מיטל פון „בעלאָנגינג" פון נאַציאָנאַלער אידענטיפיקאַציע? די קולטור־טוער פון „קדימה" דאַרפן זיך פאַרטראַכטן, אַז פונקט אַזוי ווי מען קען נישט צופרידשטעלן דעם יונגן און מיטליאָריקן דור מיט „בר־מצוה" יידישקייט און „איזראעל" יידישקייט, אַזוי קען מען אויך נישט באַפרידיקן דעם זעלבן דור מיט „יידישיסטישער" יידישקייט, אין דער פאָרם פון באַהעפטונג און באַקענונג מיט דער יידישער שפּראַך און יידישער קולטור.

עס איז דעריבער דער חוב פון די קולטור־טוער אין דער „קדימה" אָנצוהויבן אין יאָר 1978 אריינצוציען אין אירע רייען נייע טוער, יונגע פלאַנצער און זייער, היטער און פאַרשפּרייטער, וועלכע זאָלן קענען איבערגעבן

שפּילרוים פון זיכערקייט זייער אַ שמאָלער". „אַמעריקע קאָן זיך דערלויבן אויף עקספּערימענטן, ווייל אויב מיר וועלן מאַכן א טעות איז די גרעסטע שטראָף וואָס מיר וועלן באַצאָלן — פאַרדאָפּלען אונדזערע אָנשטרענגונגען". דער געוועזענער שטאַטס־סעקרעטאַר — דער ייִד קיסינדזשער וואָרנט „ישראל קאָן זיך נישט דערלויבן אויף עקספּערימענטן", ווייל:

''Israeli leaders get only one guess if they are wrong, it may involve the survival of their people''.

די דראַמאַטישע אָפּשאַצונג פון ד"ר קיסינדזשער איז אויך א באַשטעטיקונג, אז דער „סטייט דעפּאַרטמענט" און פּרעז. קאַרטער גיבן זיך אָפּ אַ חשבון, אז זייער מעגלעכקייט צו ווירקן און פּרעסן ישראל פאַר קאָנצעסיעס, וואָס קענען באַדראָען איר עקזיסטענץ, איז זייער באַגרענעצט.

וואָס איז דער סך הכל, די אונטערשטע שורה פון דעם אַנאַליז פון די פּאָליטישע פאַרהעלטנישן אינעם מזרח? סטאַטוס קוואָ? מלחמה? שלום?

דער סטאַטוס קוואָ האָט זיך פאַרענדיקט דעם 19טן נאָוועמבער 1977 ווען סאַדאַט האָט באַטראָטן דעם באָדן פון ישראל אויפן לודער פּלי־פּלאַץ, און איז באַגריסט געוואָרן פון די ישראל מנהיגים לויט אַלע פּראָטאָקאָל־מנהגים.

סאַדאַט איז געקומען קיין ישראל, ווייל ער איז דער רעאַליסטישער פון די אַלע אַראַבישע מנהיגים. די טרויעריקע עקאָנאָמישע לאַגע אין מצרים איז האָפענונגסלאָז, ספּעציעל אונטער דעם שווערן דרוק פון מיליטערישע קאָסטן. פּאַקטיש האָט סאַדאַט שוין נאָך דער יום כפּור־מלחמה דערקלערט, אַז מצרים האָט געקעמפט מלחמות, וואָס זענען נישט קיין מצרישע מלחמות און אין קאָנסעקווענץ איז די מצרישע עקאָנאָמיע רואינירט.

גערעכט איז געווען טעאָ זאָממער, ווען ער האָט פאַרגלייכט פּרעז. סאַדאַטס שריט מיט דער ווענדונג פון געוו. דייטשן קאַנצלער ווילי בראַנדט אין זיין „אָסט־פּאָליטיק". אָבער די איצטיקע שוועריקייטן און שטרויכלונגען אין די שלום־פאַרהאַנדלונגען באַשטייען אין דעם וואָס פּרעז. סאַדאַט אין „ווילי בראַנדט'ס מאַנטל" קאָקעטירט נאָך אַלץ מיט דעם „נאַסער מאַנטל", ער וויל דיקטירן די שלום־באַדינגונגען אין נאָמען פון דער „אַראַבישער וועלט". — דער רעאַליסטישער סאַדאַט, וועט זיך אָבער איבערצייגן, אַז אמעריקע איז נישט בכוח אים צו שענקן דעם נאַסער־מאַנטל. ער וועט זיך איבערצייגן, אַז ס'איז אין זיין מצרישן אינטערעס צו שליסן א שלום מיט ישראל, ספּעציעל ווען „די אַנדערע" די פּ.ל.אָ., סיריע, ליביע און אַלזשיר האָבן אים סיי ווי אריינגעלייגט אין חרם און דערקלאַרירן עפנטלעך, אַז ער האָט נישט קיין מאַנדאַט צו פאַרהאַנדלען אין זייער נאָמען: ער ווייסט, אַז די צייט אַרבעט נישט פאַר אים. די נייע אויל־קוואַלן, וואָס זענען אויפגעדעקט געוואָרן אין סיני (ביים גאָלף), וועלן שטאַרקן ישראל (היינטצוטאָג גייט 50% פון דער אַמעריקאַנער שטיצע צו דעקן די קאָסטן פון אימפּאָרטירטן אויל). די עגיפּטישע באַפעלקערונג לעכצט נאָך שלום. סאַדאַט ווייסט, אַז דאָס וואָס איז אין די מצרישע אינטערעסן קאָן ער צוריקבאַקומען פון ישראל אָן אַ שאָס פּולווער.

דערפאַר איז דער שלום צווישן מצרים און ישראל אומפאַרמיידלעך, און אָן מצרים אין דעם קאָנפראָנטאַציע־פראָנט איז שלום אין דער גאַנצער געגנט אומפאַרמיידלעך.

מ. פערשטענדיק

י. אַרבאַך

# צייט נאָטיצן

## (פון ציקל „אויסטראַליאַנאַ")

„פנימער פרעמד און באַגריסונגען שטאַר —
שמועסן וועגן פערד־געיעגן און אַ טעלעוויזיע־סטאַר —
אַרבעטסלאָזיקייט, פּאָליטיק און עקאָנאָמיע,
איין גרויסער ווירוואַר..."

די פּאָר פּערזן דריקן אויס אין קורצן אַן אָפּשאַצונג וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע אין אונדזער לאַנד, נאָך די לעצטע פּאַרלאַמענט־וואַלן.

עס איז באמת נישט געווען פאַרשטענדלעך דער גרויסער דורכפאַל פון דעם געוועזענעם לייבאָר־פּירער גאָף וויטלאַם און דער לייבאָר־פּאַרטיי; בפרט בעת די לעצטע פּאַרלאַמענט־וואַלן אין דעצעמבער 1978, האָט די לייבאָר־רעגירונג — 1973־1975 און סיי שפּעטער אין דער אָפּאָזיציע שטענדיק באַטאָנט, אַז זיי ווילן און וועלן אריינפירן אין לאַנד גרויסע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע רעפאָרמען, וואָס דאַרף ארויספירן דעם אויסטראַלישן קאָנטינענט פון דעם ענגליש־קאָנסערוואַטיון־טראַדיציאָנעלן דרך — אין אירע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונגען — אויף בעסערע און מאָדערנערע, אויף נייע וועגן.

אמת, די דאָזיקע מאָדערנע, נייע פּראָגראַמען, האָבן אין אַ געוויסער מאָס ביי דעם רוב פון אויסטראַלישן פאָלק פון אַלע שיכטן ארויסגערופן אַן אומצופרידנקייט. דאָס האָט זיך באַשטעטיקט אין די פּאַרלאַמענט־וואַלן נאָך דער „דעמיסיע" פון דער לייבאָר־רעגירונג אין 1975 און גאָר שטאַרק איז די דאָזיקע אומצופרידנקייט ארויסגעקומען אין די לעצטע פּאַרלאַמענט־וואַלן — דעצעמבער 1977. צי האָבן די דאָזיקע סימפּטאָמען פון אומצופרידנקייט לגבי נייע פּראָגרעסיווע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע וועגן פון דעם אויסטראַלישן פאָלקס־מענטש, אַ באַדייטונג פאַר דער צוקונפט פון אונדזער מדינה — ווער ווייס? איינס קען מען אָבער יאָ פעסטשטעלן, אַז אויסטראַליעס פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום, שפּילט אַ גאַנץ קליינע ראָלע און וואַרשיינלעך, וועט אויסטראַליע מוזן געפינען אַן אָנשפּאַר אין אמעריקע, נאָכדעם ווי זי וועט אין דער נאָענטסטער צייט זיין זייער שטאַרק אָפּהענגיק פון אויסלענדישן — לייען: אַראַבישן אויל.

אויב אין די אויבנדערמאָנטע 4 שורות איז געגעבן געוואָרן א קורצער אריינבליק אין דער איצטיקער פּאָליטישער לאַגע פון אויסטראַליע, קען מען דאָס אָבער בשום אופן נישט צופּאַסן צו דער איצטיקער און מאָרגנדיקער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער אויסטראַלישער מדינה נאָך דעם גרויסן נצחון פון דער ליבעראַלער רעגירונג מיט דעם פּרעמיער־מיניסטער פרייזער בראש!

די עקאָנאָמישע לאַגע ביי אונדז אין לאַנד האָט אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר 1977, דורכגעמאַכט שטאַרקע טרייסלונגען, ספּעציעל האָבן זיך די דאָזיקע טרייסלונגען

אַ רעאַליסטישער פּאָליטיקער קאָן ער זיך זיכער נישט באַפרייען פון א חשד, אַז אין געוויסע אומשטאַנדן, למשל, אויב און ווען ס׳וועט אויפטויכן אַ מעסיקע און פראָ־מערב אָנפירערשאַפט פון די פּאַלעסטינער — וועט אַמעריקע גרייט זיין פּטור צו ווערן פון אים...

נעמענדיק אין באַטראַכט די אַלע אומשטאַנדן, מוז מען אָביעקטיוו קומען צו דער הנחה, אַז פאַקטיש איז קעניג כוסיין פאַראינטערעסירט אין דעם סטאַטוס קוואָ און זיין קריטיק קעגן דער ישראל־רעגירונג איז בלויז פאַר דער פאַן־אַראַבישער קאָנסומפּציע.

דער דריטער צד אין דעם קאָנפראָנטאַציע־פראָנט קעגן ישראל איז סיריע. פּרעז. אַסאַד פון סיריע געפינט זיך אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע. פון איין זייט לעבט ער נאָך אין חלום אויפצובויען א „גרויס סיריע", וואָס זאָל ארומנעמען לבנון, דאָס קעניגרייך פון ירדן און פּאַלעסטינע (צוערשט דאָס פּלאַנירטע פּאַלעסטינער „היימלאַנד" אין גדה און עזה און שפּעטער אויך די גאַנצע טעריטאָריע פון ישראל). צו רעאַליזירן דעם חלום איז אַסאַד, אויפן סמך פון פאַקטן מיטן קעניגרייך פון ירדן געוואָרן דער אַפּטרופּוס פון כוסיין, צו היטן אים קעגן די פּ.ל.אָ. ער האָט אָקופּירט לבנון און איינגעשפּאַנט די פּ.ל.אָ. אין זיין רייטוואָגן נאָך דעם ווי ער האָט זיי מאַסאַקרירט בעתן בירגער־קריג אין לבנון. פון דער אַנדערער זייט, איז די רעאַליטעט: דער גולן אין די הענט פון ישראל אָן האָפנונג צוריקצודעראָבערן די טעריטאָריע מיט כוח, און איינגיין אויף דירעקטע שלום פאַרהאַנדלונגען מיט ישראל וויל ער נישט, ווייל דאָס וואָלט געהייסן מותר זיין אויפן אילוזאָרישן חלום.

פּרעז. סאַדאַטס קומען קיין ירושלים האָט ממש דערשיטערט דעם סירישן מושל. ער האָט מורא, אַז סוף־כל־סוף וועט קומען צו אַ סעפּאַראַטן שלום צווישן מצרים און ישראל און אויב מצרים וועט זיך אויסשליסן פון דעם קאָנפראָנטאַציע־פראָנט וועט סיריע בלייבן „אויפן אייז" אָן שום האָפנונג אָנצוהייבן אַ מלחמה, און אָן שאַנסן צוריקבאַקומען דעם גאַנצן גולן אָן אַ שאַנס פאַר אַ פּאַלעסטינע. אין די דאָזיקע אומשטאַנדן האָט זיך פּרעז. אַסאַד אָנגעשלאָסן אין אַן „אָפּוואַרף"־פראָנט צוזאַמען מיט ליביע, אַלזשיר און דרום־תימן און... פּ.ל.אָ.

אין דעם צוזאַמענהאַנג איז אינטערעסאַנט די שטעלונג פון איראַק. ווען דער ערשטער שפּיצן־צוזאַמענטרעף פון דעם „אָפּוואַרף־פראָנט" איז פאָרגעקומען אין טריפּאָלי, איז אויך איראַק דאָרט געווען. — אָבער איראַק האָט פאָרגעשלאָגן אַן עקסטרעמע אָפּוואַרף שטעלונג און פאַרלאַנגט פון סיריע צו דענונצירן און אָפּוואַרפן די רעזאָלוציעס 242 און 338 פון די פאַראייניקטע פעלקער וואָס אָנערקענען די רעכט פון ישראל צו לעבן בשלום אין גאַראַנטירטע, געזיכערטע גרענעצן. סיריע האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם איראַקישן פאַרלאַנג און איראַק דערקלערנדיק, אַז דער „אָפּוואַרף־פראָנט" איז נישט געווען עקסטרעם, האָט פאַרלאָזט די קאָנפערענץ.

דער „גאַרדיען וויקלי" (אַ בשותפותדיקע אויסגאַבע פון ענגלישן „גאַרדיען", „וואַשינגטאָן פּאָסט" און פראַנצויזישן „לע מאָנד") האָט אין דער אויסגאַבע פון 11טן דעצעמבער קאָמענטירט, אַז די איראַקישע שטעלונג באַדייט, אַז איראַק איז אויסן נישט צוצולייגן אַ האַנט כדי ראַטעווען פּרעז. אַסאַד. דער קאָמענטאַטאָר ווייסט אויך צו דערציילן, אַז אפילו די וואָס סימפּאַטיזירן מיט איראַק, האָבן אַ חשד, אַז מצרים און איראַק האָבן אַ געהיימען אָפּמאַך וואָס פאַרפליכטעט איראַק זיך נישט קעגנצושטעלן די מצרישע שלום־פאַרהאַנדלונגען און, אַז דאָס איז געווען דער פּרייז, וואָס איראַק באַצאָלט פאַר דעם אָפּמאַך צווישן איראַן (פּערסיע) און איראַק וואָס האָט פאַרענדיקט דעם קורדישן אויפשטאַנד אין איראַק אין 1975 און וואָס האָט וואַרשיינלעך געראַטעוועט דעם איראַקישן רעזשים פון אַ צוזאַמענברוך. — מעגלעך, אַז ס׳איז פאַראַן אַ קערנדל אמת אין דעם חשד. אָבער מער לאָגיש איז דער חשד, אַז איראַק האָט פּרובירט אויפצוצווינגען אויף סיריע די עקסטרעמע שטעלונג, בכדי זי טאָטאַל צו איזאָלירן פון שלום פאַרהאַנדלונגען און אַריינטרייבן סיריע אין אַ האָפנונגסלאָזער מלחמה קעגן ישראל, גלויבנדיק, אַז אַ סירישע מפּלה וועט צוזאַמענברעכן דעם אַסאַד רעזשים און דערמעגלעכן איראַק צו אַנעקסירן דעם מזרח־טייל פון סיריע.

אַזוי צי אַזוי, מיט אַזעלכע „פריינד" דאַרף סיריע נישט קיין שונאים.

ביים באַהאַנדלען די אויסזיכטן פאַר שלום און די געפאַרן פאַר מלחמה דאַרפן מיר אויך באַטראַכטן די שטעלונגען פון סאָוויעט־רוסלאַנד און אמעריקע, זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען אין וועלט־פּאַרנעם, ווי אויך זייער ספּעציפישע שטעלונג צום מיטעלן מזרח.

די גרונטזעצלעכע באַציאונגען צוו. סאָוו.־רוסלאַנד און אַמעריקע שטיצן זיך אויף דעם פּרינציפּ פון דעטאַנט, אַ לויזער באַגריף פון אַ צושטאַנד, אַ סך וואַרעמער ווי די אַמאָליקע קאַלטע מלחמה, אָבער נאָך ווייט פון פריינדשאַפט. די רוסן טייטשן, אַז דעטאַנט, וואָס דאַרף אויסשליסן קאָנפראָנטאַציע און מלחמה צווישן די צוויי סופּער וועלטמאַכטן — שליסט נישט אויס ריוואַליזאַציע און אַ פאַרזוך אַריינצודרינגען אין אַ וואַקום, אויב דאָס רירט נישט אָן די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פונעם צד שכנגד, ווי למשל מאָזאַמביק, אַנגאָלאַ. דער מיטל־מזרח איז דער לעבנס־וויכטיקסטער געביט פון דער גאַנצע מערב־וועלט. ווען רוסלאַנד האָט זיך געגרייט מיליטעריש דירעקט צו אינטערווענירן אין דער יום כיפּור־מלחמה איז געקומען צו דעם אַטאָמישן אַלאַרם און רוסלאַנד האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער קאָנפראָנטאַציע. אין דעם דאָזיקן ענגן לעבנס־וויכטיקן געביט שטיצט רוסלאַנד סיריע מיט וואָפן. פינאַנסירט הויפּטזעכלעך פון ליביע און אַלזשיר. אָבער אין אַלגעמיין האָט רוסלאַנד פאַרלוירן איר איינפלוס און רייסט נישט איין קיין וועלטן צו אַקטיוויזירן געשעענישן אין דער געגנט, ווייל דאָס איז צו געפערלעך.

די אַמעריקאַנער אינטערעסן זענען ראשית צו פאַרמיידן א מלחמה אין מיטעלן מזרח און צו פאַרמיידן א נייעם אויל־עמבאַרגאָ. דער ווייטגיינדיקער ציל איז אויפצושטעלן אַן אייגענע מיליטערישע אָנוועזנהייט אין דעם געביט פאַר סטראַטעגישע צוועקן. אַמעריקע גלויבט, אַז זי וואָלט געקענט פאַרזיכערן די אַלע צילן, ווען ס׳וואָלט געקומען צו אַ שלום צווישן ישראל און אירע אַראַבישע שכנים, וואָס וואָלטן מסכים געווען אויף דער אַמעריקאַנער מיליטערישער אָנוועזנהייט אַלס אַ גאַראַנטיע פאַר ישראלס זיכערקייט פאַרן פּרייז פון די גרעסטע ישראל קאָנצעסיעס.

ישראל קאָן נישט איינגיין אויף די גרעסטע קאָנצעסיעס, ווייל זי מוז אליין בלייבן פעאיק צו פאַרטיידיקן איר לאַנד און איר באַפעלקערונג. אין דעם צוזאַמענהאַנג איז כדאי צו ציטירן פון דער רעדע, וואָס ד״ר קיסינדזשער האָט געהאַלטן אויף דער יערלעכער קאָנפערענץ פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן. ער האָט זיך קאַטעגאָריש ארויסגעזאָגט קעגן אַ פּאַלעסטינער מדינה און געוואָרנט זיך נישט צו פאַרלאָזן אויף פאַרזיכערונגען און גאַראַנטיעס. דאַן האָט ער דערקלערט: „אַמעריקע איז אַ סופּערמאַכט, אָבער פאַר די יידן אין אַלגעמיין און פאַר די ישראלים אויסדריקלעך איז דער

פּרעז. סאַדאַט האָט אין זיין רעדע אין דער כנסת פעסטגעשטעלט זיין פּאָזיציע — די מאַקסימאַלע פאָדערונגען פון דער אַראַבישער וועלט. אויך פּרעמיער־מיניסטער בעגין האָט אין זיין ענטפער, פעסטגעשטעלט אין ברייטע שטריכן די ישראל־פּאָזיציע, לא צו אַ פּאַלעסטינער מדינה; לא צו אַ פולשטענדיקן צוריקקער פון אַלע שטחים; לא צו פונאַנדערטיילן ירושלים. די שטעלונג פון ישראלס פּרעמיער־מיניסטער אין זיין רעדע איז געווען פאָראויסצוזען און נישט פּרעז. סאַדאַט, נישט די וועלט־פּרעסע האָבן קריטיקירט דעם פּרעמיער־מיניסטער פאַר פעסטשטעלן די ישראל פּאָזיציע, ווייל פאַרהאַנדלונגען הייבן זיך אָן מיט פעסטשטעלן די קעגנזייטיקע פּאָזיציעס.

ס'שטעלט זיך אָבער די פראַגע: צי האָט דער ישראל פּרעמיער־מיניסטער טאַקע נישט געמאַכט צו גרויסע קאָנצעסיעס אין איסמאַיליאַ ווען ער האָט דערקלערט צו סאַדאַטן, אַז אין אַלגעמיין טוט ישראל נישט באַשטרייטן; האָט נישט קיין טענה, צו די אינטערנאַציאָנאַלע מצרישע גרענעצן (פאַרשטייט זיך מיט באַוואָרענישן פאַר דעמיליטאַריזאַציע, צייט־פאַקטאָרן פאַרן צוריקקער און די זיכערקייט פאַר די ישובים אין פּיתחת־רפיח א.א.וו.). די מצרישע דעלעגאַטן האָבן אליין מודה געווען, אַז זיי זענען געווען איבערראַשט, וואָס דער ישראל פּרעמיער־מיניסטער האָט געמאַכט אַזאַ גרויסצוגיקע דערקלערונג אָן שום שקלא וטריא. די ישראל־פּרעסע איז נישט געווען קריטיש צו דער עצם דעקלאַראַציע, זי האָט אָבער לאָגיש אַרגומענטירט, אַז אַזאַ גרויסצוגיקע דעקלאַראַציע האָט דער פּרעמיער־מיניסטער באַדאַרפן פאַרבינדן מיט אַ תנאַי — סינע קוואַ נאָן, אַז פּרעז. סאַדאַט זאָל אָנערקענען ישראלס שטעלונג לגבי פּאַלעסטינער מדינה, ירושלים א.א.וו.

ס'איז דעם שרייבער פון די שורות נישט באַקאַנט, אַז פּרעמיער בעגין זאָל האָבן אויפגעקלערט זיין גרויסצוגיקייט און ס'וואונדערן זיך די וואָס ווייסן, אַז מנחם בעגין האָט דאָך געלערנט פון זשאַבאָטינסקין די פּאָליטישע גרונדזעצלעכע אידעע פון שקלא וטריא, וואָס די תנאים האָבן אויסגעדריקט אין דער משנה „שנים אוחזין בטלית"...

פון דער צווייטער זייט ווייסן מיר אָבער, אַז בעגינס שטעלונג איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן פונעם גאַנצן קאַבינעט — נאָך אַ לאַנגער דעבאַטע — דערפאַר דאַרפן מיר זוכן רמזים, וואָס וועלן אויפקלערן דעם ענין: בעגין האָט געמאַכט זיין פאָרשלאַג צוריקצוגעבן צו עגיפּטן דעם סיני אָן אַ פאַרבינדונג מיט אַנדערע גרענעץ ענינים, בכדי אויסצושאַלטן מצרים פון דעם קאָנפראָנטאַציע־פראָנט אויב די פאַרהאַנדלונגען וועלן זיך צוזאַמענברעכן.

די לאָגיק פון פּרעמיער בעגינס האַנדלונג איז וואַרשיינלעך געווען אַזאַ: אויב פּרעז. סאַדאַט דענקט מצריש און שטרעבט צו דערגרייכן מצרישע אַספּיראַציעס איז בעגינס פאָרשלאַג אים צוריקצוגעבן די מצרישע טעריטאָריע, די באַזע פאַר אַ סעפּאַראַטן שלום מיט מצרים אפילו ווען פּרעז. סאַדאַט און פּרעמיער־מיניסטער בעגין וועלן באַצייכענען דעם סעפּאַראַטן שלום אַלס דעם ערשטן עטאַפּ פון אַן אַלגעמיינעם שלום מיט אַלע אַנדערע אַראַבישע מדינות, וואָס גרענעצן זיך מיט ישראל. אויב אָבער פּרעז. סאַדאַט דענקט אַראַביש און האָט נישט אויפגעגעבן די אילוזאָרישע ראָלע צו זיין דער פירער פון דער אַראַבישער וועלט (וואָס איז צעריסן און צעברעקלט) — האָט בעגינס פאָרשלאַג אַריינגעוואָרפן אַ טשוואָק אין זיינע אַספּיראַציעס, ווייל מצרים האָט מער נישט קיין אורזאַך צו ריזיקירן אַ מלחמה, ווען זי קאָן איר טעריטאָריע צוריקבאַקומען אָן אַ שאָס פולווער. פּרעז. סאַדאַט, וואָלט געדאַרפט זיין טאָטאַל משוגע צו ריזיקירן א מלחמה פאַר אַ פּאַלעסטינער מדינה, (וואָס ער מיינט אפילו נישט ערנסט) אָדער פאַר דעם סירישן פּרעז. אַסאַד, וואָס איז זיין בלוט־שונא.

אלא, פאַרוואָס איז סאַדאַט אַזוי אין כעס? איז דער ענטפער: בעגינס פאָרשלאַג האָט אים אַריינגעשטופּט אין אַן ענגן ווינקל און צעשמעטערט זיין אילוזיע, אַז פאַרן פרייז פון קומען קיין ירושלים וועט ער באַקומען די מאַקסימאַלע פאָדערונגען פון דער אַראַבישער וועלט; דעם גאַנצן גולן פאַר סיריע; דעם עזה־פּאַס און דעם מערב־טייל פון ירדן, און ירושלים פאַרן קעניג כוסיין (אונטערן מאַנטל פון אַ „פּאַלעסטינער איינהייט") און ער, דער זשעני סאַדאַט וועט ווערן דער אָנפירער פון דער גאַנצער אַראַבישער וועלט, ווייל אפילו אַראַפאַט און דזשאָרדזש כאַבאַש וועלן איינזען, אַז אין דער נייער געשאַפענער לאַגע, וועלן זיי קענען דערטרינקען מדינת ישראל אין אַ ים פון בלוט.

טעאָ זאָממער האָט פּריצייטיק אָנגעטאָן פּרעז. סאַדאַט דעם מאַנטל פון געוו. דייטשן קאַנצלער ווילי בראַנדט, ווייל דערווייל וויל פּרעז. סאַדאַט נישט אָננעמען אפילו דעם ערשטן פּרינציפּ: א הסכם צו שטיצן זיך „אויף דער עקזיסטירנדיקער רעאַלער סיטואַציע". בראַנדט האָט געהאַט דעם מוט צו אָנערקענען, אַז קעניגסבורג איז קאַלינגראַד; אָסט פּרייסן איז אַ רוסישע פּראָווינץ, ברעסלאַו איז וראָצלאַוו, גלייוויץ איז גליוויצע און סטעטין — איז שטשעטשין. סאַדאַט וויל נישט דערלויבן, אַז יידן זאָלן וווינער אין פּיתחת־רפיח -- אַ פּאָר קילאָמעטער זאַמד, ווו זייט די וועלט איז וועלט האָבן אויף די זאַמדן מענטשן פריער נישט געוווינט. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז ער וועט נישט ענדערן זיין מיינונג אָדער, אַז די שלום־פאַרהאַנדלונגען זענען טאָטאַל צוזאַמענגעבראָכן.

וואָס זענען די אויסזיכטן?

הינטער די קוליסן פאַרזוכן די אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן אַריינצוציען דעם קעניג כוסיין אין די פאַרהאַנדלונגען. דער הויפּט־ציל פון דעם שריט איז צו שטיצן פּרעז. סאַדאַט קעגן דעם „אָפּוואַרף־פראָנט". אויך ישראל וואָלט געוואָלט זען דעם קעניג כוסיין אין פּרעז. סאַדאַטס לאַגער. אָבער אָביעקטיוו האָט כוסיין נישט קיין אינטערעס אין אָנשליסן זיך. ער ווייסט און דאַרף אויך וויסן, אַז ער איז דער איינציקער צד, וואָס וועט גאָר נישט געניסן. — ירושלים וועט ער נישט באַקומען און וואָס שייך דער גדה און די פּאַלעסטינער איז כדאי צו דערמאָנען, אַז ווען פּרעז. קאַרטער האָט אין מערץ 1977 אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ פּאַלעסטינער „היימלאַנד", איז כוסיין אַ דערשראָקענער אַוועק קיין וואַשינגטאָן, ווייל ער האָט געהאַט אַ חשד, אַז דאָס מיינט מען אים און זיין קעניגרייך, און נישט די גדה און דעם עזה־פּאַס. מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דער „פּאַלעסטינער קאַווענאַנט" זעט פאָר נישט בלויז די פאַרניכטונג פון מדינת ישראל, נאָר אויך „באַפרייען" דאָס קעניגרייך פון ירדן און פאַרניכטן כוסיינס דינאַסטיע. כוסיין געדענקט אויך, אַז ווען אין סעפּטעמבער 1970 האָט די פּ.ל.אָ. מיט דער הילף פון סירישע דיוויזיעס געוואָלט איבערנעמען די ממשלה אין זיין קעניגרייך, האָט אים געראַטעוועט די ישראל־אַרמיי. (אויפן פאַרלאַנג פון אמעריקע האָט די ישראל־ארמיי צוגעשטעלט צו דער סיריש־ירדנישער גרענעץ איניקע דיוויזיעס, וואָס האָבן באַדראָט אָפּצושניידן דאָס סירישע מיליטער אין ירדן. סיריע, דערזעענדיק די געפאַר האָט זיך שנעל צוריקגעצויגן און כוסיין האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו מאַסאַקרירן די פּ.ל.אָ. איינהייטן — דער שוואַרצער סעפּטעמבער).

כוסיין ווייסט אויך, אַז די מערהייט פון דער באַפעלקערונג אין זיין קעניגרייך זענען פּאַלעסטינער און אַלס

האָבן געדויערט איבער 5 שעה און האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די סענאַטאָרן.

לאָמיר דערביי פאַרצייכענען מיט צופרידנקייט, אַז: אויסטראַליע שטיצט די פרינציפן פון דער אוניווערסאַלער דעקלאַראַציע פון מענטשן רעכט, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן אין אָפמאַך — אונטערגעשריבן אין העלסינקי.

## וויעטנאַמער פליטים

די וויעטנאַמער טראַגעדיע האָט אַ סך אַספעקטן, אַ סך שולדיקע און איין קרבן: דאָס וויעטנאַמער פאָלק.

און ווי יעדע מלחמה — איבערהויפּט פון פּאָליטישן כאַראַקטער — וועלכע ברענגט צעשטערונג פון לאַנד און מענטשלעכע לעבנס — האָט אויך די מלחמה אַ טראַגישן ביי־פּראָדוקט: פּאָליטישע פליטים.

אין אַלטע, פאַרזשאַווערטע פישער־שיפלעך אָדער הילצערנע זעגל־שיפן אָנגעפּראָפּט מיט פרויען און קינדער, מאַכן די פליטים דורך דעם סכנות׳דיקן ים־וועג פון וויעטנאַם קיין אויסטראַליע, כדי צו געפינען אַ רואיק ווינקעלע און די מעגלעכקייט אָנצוהויבן אַ פריי לעבן.

איז עס אַ נייעס פאַר אונדז יידן?

זענען מיר דאָך תמיד געווען די ערשטע פליטים פון יעדן קאָנפליקט ווו ער איז נאָר נישט פאָרגעקומען און אָן אונטערשיד וואָס די סיבות פון קאָנפליקט זענען געווען.

פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, האָבן מיר יידן אַ טרויעריקע דערפאַרונג מיט פליטים, וועלכע האָבן באַקומען דעם סטאַטוט פון אויסגעוואָרצלטע, פּאָליטיש־פאַרפאָלגטע. דאָס זענען מענטשן פון מזרח־אייראָפּעישער אָפּשטאַמונג צווישן וועלכע די גרעסטע צאָל, קאָן מען זאָגן, זענען געווען מיטאַרבעטער פון די נאַציס. זיי האָבן מורא געהאַט זיך צוריקקערן אין זייערע היימען, ווי זיי וואָלטן געדאַרפט אָפּגעבן אַ חשבון פאַר זייערע מעשים.

מיר לייענען אין דער פרעסע פאַרשידענע באַריכטן וועגן דער סאָציאַלער אָפּשטאַמונג פון די וויעטנאַמער פליטים. דער פאַקט גופא — אַז זיי האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן און דאָס לעבן פון זייערע קינדער אויסגעוואָרצלט צו ווערן פון זייערע היימען — באַווייזט, אַז דאָס אַנטלויפן האָט געהאַט באַגרינדעטע סיבות.

דאָס אויסטראַלישע עמיגראַציע־מיניסטעריום דאַרף גענוי אויספאָרשן די פליטים און אויך האָבן די קאָנטראָל פון זייער איינאָרדנען אין לאַנד.

דער הויפּט־מאָטיוו — אין באַצוג צו זיי — דאַרף אָבער זיין הומאַניזם: העלפן קרבנות פון אַ דיקטאַטאָרישן רעזשים.

מ. א.

דר׳ מ. פערשטענדיק

# שלום איז אומפאַרמיידלעך

ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נאָך דעם ערשטן אַקט פון דער דראַמע, איז די וועלט געווען באַצויבערט, די אַפּלאָדיסמענטן האָבן געהילכט פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן. פּובליציסטן, קאָמענטאַטאָרן האָבן פאַרפלייצט די וועלט־פרעסע מיט טויזנטער אַרטיקלען און אויף דער יידישער גאַס האָט זיך די שטימונג אויסגעדריקט אין די מיסטישע צוויי ווערטער: משיח׳ס צייטן.

צווישן די טויזנטער אַרטיקלען האָט זיך אויפן ערשטן פלאַץ אויסגעצייכנט די אָפּהאַנדלונג פון טעאָ זאָמער, הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער ערנסטער טאָג־צייטונג אין דייטשלאַנד „די צייט״. דער ערנסטער פּובליציסט האָט פאָרגעשלאָגן פּרעזידענט סאַדאַט און פּרעמיער־מיניסטער מנחם בעגין אלס קאַנדידאַטן פאַרן נאָבעל שלום פּרייז. זייער אינטערעסאַנט איז טעאָ זאָממערס באַגרינדונג צו זיין פאָרשלאַג צום „נאָבעל קאָמיטעט״. ער פאַרגלייכט פּרעז. אַנוואַר סאַדאַט צום געוו. דייטשן קאַנצלער ווילי בראַנדט, וועלכער האָט באַקומען דעם נאָבעל שלום פּרייז אין 1971 פאַר זיין שלום מזרח־פּאָליטיק. — אמת: ס׳זענען אין דער געשיכטע נישט פאַראַן צוויי אידענטישע סיטואַציעס, אָבער מ׳קאָן פון זיי לערנען דורך אַנאַלאָגיע פון די הויפּט־פּרינציפּן. דער ערשטער פּרינציפּ איז: דער הסכם צו שטיצן זיך אויף „דער עקזיסטירנדיקער רעאַלער סיטואַציע״. באַזייטיקן די נישט דערגרייכבאַרע אילוזיעס. דייטשלאַנד האָט פאַרלוירן די מלחמה, איצט מוז זי רעספּעקטירן די נייע פּוילישע גרענעץ, וואָס האָט אָפּגעשניטן פון דייטשלאַנד גרויסע שטחים; פאַרגעסן, אַז מזרח־פּרייסן מיט קעניגסבורג איז אַנעקסירט דורך רוסלאַנד א.א.וו.

דער צווייטער פּרינציפּ איז: דער הסכם זיך נישט מער צו באַנוצן מיט מלחמה אַלס אַ פּאָליטישן אינסטרומענט. נישט מער קיין מלחמות, בלוט־פאַרגיסונג און טרערן.

דער דריטער פּרינציפּ: אַלע צדדים מוזן זיך באַגרענעצן און איינהאַלטן זיך פון פרעסן זייערע מאַקסימאַלע פאָדערונגען.

דער פערטער פּרינציפּ: שלום הייסט נישט דעטאַנט אין די באַציאונגען צווישן מלוכות, נאָר אויך די נאָרמאַליזאַציע און די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש, איבער די גרענעצן פון די מלוכות.

טעאָ זאָממער האָט געזען אין פּרעז. סאַדאַט דעם ווילי בראַנדט פון מיטעלן מזרח און אונטערגעשטראָכן, אַז פּרעמיער־מיניסטער מנחם בעגין האָט זיך דערהויבן צו דעם היסטאָרישן נסיון.

דער צווייטער אַקט פון דער דראַמע האָט זיך אָנגעהויבן אין איסמאַיליאַ און פאַרענדיקט אין ירושלים. אָן אַפּלאָדיסמענטן. די שטימונג איז געווען — אַנטוישונג, אויסניכטערונג פון אַ שיינעם חלום.

כדאַי צו דערמאָנען די רעאַקציע פון דער ישראל־פרעסע נאָך דעם ערשטן אַקט און נאָך דעם צווייטן אַקט.

די ישראל־פרעסע איז נישט געווען צופרידן און קריטיקירט דעם פּרעמיער־מיניסטער בכן ער האָט אין זיין ענטפער צו סאַדאַטס רעדע אין דער כנסת נישט געמאַכט קיין קאָנצעסיעס, אָבער ווען דער פּרעמיער־מיניסטער איז צוריקגעקומען פון איסמאַיליאַ האָט די פרעסע אים קריטיקירט בכן ער האָט געמאַכט צו גרויסע קאָנצעסיעס.

אַן אָביעקטיווער אַנאַליז ווייזט אויף, אַז אין ביידע פאַלן איז די קריטיק נישט געווען באַגרינדעט.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

"KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia. :אַדרעס פון רעדאַקציע

פעברואַר 1978 נומער 1 (12) מעלבורן, אויסטראַליע


## האָט דאָס אייז געריסן?...

אין דער געשיכטע פון מדינת ישראל וועלן די דאַטן: 19טער און 21טער נאָוועמבער 1977 פאַרצייכנט ווערן ווי דראַמאַטישע טעג.

נאָך פיר מלחמות אין משך פון 30 יאָר — האָט ענד־לעך אַ האַנט וואָס באָט אָן שלום — אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

דער באַזוך פון עגיפּטישן פּרעמיער אַנוואַר סאַדאַט אין ירושלים; זיין אויפנאַמע; די רעדע אין כנסת — דאָס האָט אפילו נישט געקאָנט חלומען דער גרעסטער אָפּטימיסט.

דאָס איז אַ באַוויז, אַז אין פּאָליטיק זענען נישטאָ קיין אוממעגלעכקייטן. אין אַ מאָמענט פון גוטן ווילן (אָן אונטערשיד וועלכע זענען די סיבות וואָס ברענגען דערצו) קאָן מען מער אויפטאָן און דערגרייכן, ווי דורך בלוטיקע מלחמות.

אין דעם דאָזיקן ליכט, האָט זיך דער ישראל־פּרעמיער מנחם בעגין אַרויסגעוויזן ווי אַ געטרייער זון פון זיין פּאָלק און ערשטקלאַסיקער מלוכה־מאַן. זיין האַנדלונג האָט געוווּנען צוטרוי און אָנערקענונג אין מדינת־ישראל; ביי די יידן אין דער וועלט — און אין דער וועלט־פּרעסע.

אין דעם קאָמפּליצירטן פּאָליטישן פּלאָנטער פון מיטעלן מזרח פאַרנעמט עגיפּטן דאָס וויכטיקסטע אָרט — שוין צוליב דעם אַליין, וואָס זי איז די גרעסטע מלוכה; פאַרמאָגט די גרעסטע אַרמיי און האָט צו פאַרצייכענען די גרעסטע צאָל קרבנות צווישן די אַראַבישע לענדער, אין זייערע מלחמות קעגן מדינת ישראל.

זינט די יום־טובדיקע נאָוועמבער־טעג זענען שוין פאָר־געקומען אַ ריי קאָנפערענצן — פּאָליטישע; מיליטערישע; זשורנאַליסטן אויסטויש אין אַזאַ אַטמאָספער — פּונקט ווי צווישן די צוויי מדינות וואָלטן איבערהויפּט, קיינמאָל, קיין מלחמות נישט פאָרקומען.

אַרטיקלען, אָפּשאַצונגען; רעפּאָרטאַזשן; נביאות — און וואָס נישט? דאָס אַלץ וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ביז היינט אין אַלע שפּראַכן פון דער וועלט — קאָן מען צענויפנעמען אין שווערע, טויזנטזייטיקע בענדער.

דאָס איז נאָך איין באַוויז — אַז זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט נאָך די וועלט נישט דורכגעלעבט קיין איין רואיק יאָר, אָן דער מורא, אַז ערגעץ ווו אין דער וועלט וועט אויסברעכן אַ שרפה, וואָס וועט אַלעמען און אַלץ פאַרכאַפּן. די מידע מענטשהייט בענקט נאָך שלום.

דעריבער האָט סאַדאַט'ס אויסגעשטרעקטע האַנט — און בעגינס שלום — אַרויסגערופן אַזוי פיל ענטוזיאַזם און האָפענונגען אין דער וועלט.

געוויס זענען אין דער אַראַבישער וועלט דאָ אומצו־פרידענע מיט סאַדאַטס האַנדלונג: דאָס זענען די עלעמענטן וועלכע בויען זייער עקזיסטענץ אויפן שווערד, און דערי־בער האָסן זיי דעם אָקער־אייזן. די פאַרהאַנדלונגען מיט איבעררייסן — די קאָנטראָווערסאַלע קאָמוניקאַטן וואָס באַווייזן זיך פון צייט צו צייט — באַווייזן, אַז דער וועג צו שלום איז נישט קיין לייכטער. מיר גלויבן און האָפן, אַז דער געגאַרטער שלום אין מיטעלן מזרח, וועט סוף־כל־סוף ווערן אַ פאַקט.

## מענטשן רעכט אין סאָוועט רוסלאַנד

כמעט אומבאַמערקט איז אין דער יידישער פּרעסע פאַרביי דער פאַקט, אַז די אויסטראַלישע רעגירונג האָט אויסגעטיילט אַ פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרש־קאָמיסיע פאַר ענינים פון אויסלענדישער פּאָליטיק און פאַרטיידיקונג.

די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון פּראָמינענטע סענאַ־טאָרן פון ביידע פּאַרטייען: לייבאָר און ליבעראַלן. אין דעם ראַפּאָרט, וועלכער איז מיט חדשים צוריק פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורכן סענאַטאָר סער מאַגנוס קאָרמאַק, פאַר־נעמט דער מיטעלער־מזרח און די ראָל פון אויסטראַליע — אַן אָנגעזעענעם אָרט. אין אַלגעמיינע שטריכן איז די באַ־ציאונג צו ישראל אין דעם באַריכט — אַ פּאָזיטיווע.

די זעלבע קאָמיסיע האָט זיך פאַרנומען מיט פאָרשן דעם סטאַטוס פון יידן אין סאָוועט רוסלאַנד. אין גאַנג פון אין אַרבעט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי וועט דאַרפן אויסברייטערן די פאָרש־אַרבעט וועגן מענטש־רעכט אין רוסלאַנד בכלל

די אויספאָרשונג האָט זיך אָנגעהויבן דעם 7טן אָקטאָ־בער 1977 אין קאַמבעראַ און דער ערשטער עדות צו געבן דערקלערונגען איז געווען פּראָפ. אַלעקסאַנדער וואָראָנעל, וועלכער איז אין 1974 (נאָך צוויי יאָר קעמפן דערפאַר) אָנגעקומען פון רוסלאַנד קיין ישראל. זיינע דערקלערונגען

THIS YEAR

AND EVERY YEAR

*Look to*

JetsetTours

FOR THE LOWEST PRICES TO

**ISRAEL**

AND AUSTRALIA'S BEST VALUE
IN OVERSEAS PACKAGE HOLIDAYS

JetsetTours

**18th FLOOR MLC BUILDING**
**303 COLLINS STREET, MELBOURNE, 3000.**
**TELEPHONE: 62 0041**

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאלט:


מ. א. — האָט דאָס אייז געריררט?... 1

ד"ר מ. פערשטענדיק — שלום איז אומפאַרמיידלעך 2

י. אַרבאַך — צייט נאָטיצן 5

ג. שאַיאַק — אַ שפּאַציר איבער וואַרשעווער גאַסן 7

יהודה סבוראי — נאָכן טראַנס (ליד) 10

פּענדער בורשטין — פון מיינע זכרונות 12

ר. וואָלפע — סינטעז פון נעכטן-היינט 14

י. מ. לעווין — זקנה בענקשאַפט (ליד) 15

מאיר זייבל — זיין שפּראַך (ליד) 15

מ. אייזענבוד — דער מענטש פון אַנומלט... (דערציילונג) 16

יצחק קאַהאַן — „צוויי משפחות" (קריטישע אָפּשאַצונג) 19

אַנאַטאָלי — פאַרבייגייענדיק 22

סאָלידאַריטעט-מיטינג מיטן סאָוויעטישן יידנטום 24


פּרייז 1 דאָלאַר


אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נומער 1 [12] פעברואַר 1978